לא יניח המנקר את הבשר עד שיעיין שתים ושלש שלא יימצא חלב כשעורה. ואם נמצא אחריו חלב מענישין אותו. יורה דעה ס״ד ס״ק כ״א.

יש מקומות שנוהגין יתרון הכשר וחומרא בחלב וחוטי דם שונים ואין לעזוב את מנהגו של כל אתר ואתר כי מנהג ישראל הוא תורה! רמ״א יורה דעה רמ״ב ס״ק י״ד.

## סדר הריאה

הריאה יש לה שני ערוגות, ומערוגה דימין יפרדו שלשה אונות ואומה אחת גדולה ונקראת מלשון אם, שהיא הגדולה שהאונות נפרדות ממנה, ומערוגה דשמאל יפרדו שתי אונות ואומה אחת, וכל האונות דומים כעין אזנים. ויש לה בצד ימין אונה אחת קטנה ונקראת עינוניתא דוורדא, או גנב, ויש לה כיס, ואינה עומדת בסדר האונות אלא מרוחקת מהם לצד פנים, וכשהבהמה תלויה ברגליה ובני מעיה כלפי הטבח, שאז ימין הבהמה וימין הטבח אחד, וכשהריאה נטולה מבחוץ לבהמה והיא בידי אדם, אז הוא להיפך, ימין הריאה, דהיינו שיש שלשה אונות שהמה בימין, כשתלוי עכשיו הוא משמאל ובודק, וב' אונות שהיא משמאל הבודק, כשתלוי עכשיו הוא מימין הבודק. וסדר הריאה שהאומות למעלה והאונות למטה בשני הצדדים, היינו מימין ומשמאל, ואם חליף, דהיינו אם האומות עומדות למעלה לצד הצואר, ואונות עומדות למטה לצד הכליות יש להצטרף. וכל הריאה, האונות או האומות אם נסרכא לגרגרת או לחזה או לשמנונית הלב או לכים או לטרפש הלב או לטרפש הכבד או לטרפש העינוניתא שהיא סוף טרפש הלב או לסמפין היורד בין ב' הערוגות או לקנה הלב או לשמנונית הסמפונות או לכבד, הוי סרכא גמורה, ובודאי לא בדק ריאה זו השוחט ששחט את הבהמה, כי כל השו"בים זהירים מאד, ועליהם נסמכים, אבל סרכות דקות שנימוחין ביד גבוהות כל דהוא, אז נקראין רירין ואינה צריכה בדיקה, וזה רק בגסה, אבל בגדיים וטלאים ועגלים רכים אפילו סרכות רכות מאד ונימוחות יש להטריף, והטעם משום שהן רכות אנן סרכות שכיחות אצלן, ואם נמצאות שם הן סרכות גמורות ולא מהני משמש ומיעוך. ומנהג לאסור בעגלים עד שהם בני שנה, ובגדיים וטלאים עד ראש השנה. הפוסקים מחולקים אם צריכין להוציא את הריאה בכל פעם אף בליכא שום ריעותא, והחמירו בזה בכל אתר ואתר שמחויבים להוציא הריאה לחוץ בכל פעם ופעם אף שלא הרגישו שום ריעותא בפנים. ושמה מוכח עליה

---

## שמונה מיני טרפות

א. דרוסה, ב. נקובה, ג. חסירה, ד. נטולה, ה. קרועה, ו. נפולה, ז. פסוקה, ח. שבורה. וסימנם ד"ן חנ"ק נפ"ש.

ואם יקרה שהבהמה או העוף המובאים לפנינו פגומים באחד מן הגדרים הנ״ל הרי זה טרפה.

והנה דוגמאות אחדות:

א) **דרוסה**: ארי יש לו דריסה אפילו בשור הגדול ובנם שבחיות והזאב יש לו דריסה — רק בדקה ויש בכחו להטיל ארס ולשרף בשעת שהוא מתקיף ודורס בידיו — בכל אחת מהבהמות אשר על סוג דקות נחשבות כגון כשב ועז וכו׳. ועכשיו נוהגין לאסור דרסות הזאב גם בגסות.

חתול נמיה ושועל יש להם דריסה בעופות וגם בגדיים וטלאים כלב אין לו דריסה בעופות. הנץ יש לו דריסה אפילו בגדיים וטלאים וכו׳.

בא לפנינו עוף וצווארו מלוכלך בדם חוששים שנדרס והוושט ניקב. ואין אנו בקיאים בבדיקה כלל. ולכן צריך להשהות את הבהמה י״ב חדש כל מקום שאנו בספק טרפה. וכן עוף זכר. ובתרנגולת כ״א יום אם חוזרת להטיל ביצים.

דבר שוודאי טרפה אפילו חי כמה שנים, לא יוסר האיסור ממנו. לכן כשנשבר, למשל, גפו של עוף סמוך לחיבורו שהיא טרפה בוודאי כי שמא ניקבה הריאה, במקרה כזה לא מועילה השהייה של י״ב חדש. אבל כשנשמט הגוף שאין חשש לנקיבת הריאה, התנאי של שהיית י״ב חדש מהני.

ב) **נקובה**: כשאנו מוצאים נקב באחד הקרומים מהמוח הבהמה או העוף. וכן עוף שיש לו נקב בעצם הנולנולת ע״י נשיכת חיה או נגיפה באבן — אפילו נקב כל שהוא טרפה. ניקב הוושט לחללו או תורבץ הוושט טרפה. זפק שניקב גגו נקב מפולש במשהו טרפה.

ואם יש נקב רק בעור אחד של הוושט, או ניקב בשר הזפק נקב בלתי מפולש יעשו שאלת חכם. ניקב הקנה במקום שמתפצל לכבד או לריאה — טרפה. אפילו במשהו. ניקבו שני קרומי הושט אפילו זה שלא כנגד זה — אנו מטריפין.

ניקב קרום העליון לבד אנו בודקין ע״י נפיחה.

ניקב אחד הסמפונות — הקנים החלולים שבתוך הריאה — במקום שאין בשר מגין ביניהם — טרפה.

נקב באחד מחללי הלב — טרפה. אבל אם הנקב לא מגיע לחלל אם מחמת חולי כשר — ואם בקוץ או מחט טרפה.

ניקבה המרה — טרפה. נקב בטחול במקום העב — טרפה. ניקבו הדקין טרפה. ושומן טהור סותם ודווקא של אותו אבר. קורקבן יש לו שני עורות. נקב זה שלא כנגד זה כשר. מחט שנמצא תחוב בקורקבן בפנים ולא ניקב מעור לעור בודקים מבחוץ אם יש קורט דם טרפה. מחט שנמצא בקורקבן וכלו מוקץ ונבלע בבשר ואין שום סימן של נקב לא לצד חוץ ולא לצד פנים תולין להקל. ובכל המקרים צריך לעשות שאלת חכם.

ג) **חסירה:** חסר אבר שלם. כגון חסרה אונא מאונות הריאה. וכדומה (חוץ מהטחול השליא, והכוליא) — טרפה. וכל אבר כשניקב הוא — טרפה, גם כשחסר — טרפה.

ד) **נטולה:** ניטל הלחי התחתון בבהמה או חרטום התחתון בעוף באופן שאינו פוגע בסימנים — כשרה.

ניטל הלחי העליון או החרטום העליון — טרפה.

ניטל הכבד טרפה. ואם נשתייר ממנו כשיעור ג׳ זיתים במקום מרה או שנים במקום חיותו וכל אחד שלם במקומו — כשר. ובעוף הכל לפי גדלו וקטנו.

ה) **קרועה:** כגון נקרע רוב הבשר החופה את הכרס. או שנקרע הבשר שחופה את הגוף במקום אחר יש על זה הרבה דינים וצריך לעשות שאלת חכם.

ו) **נפולה:** כגון בהמה שנפלה ממקום גבוה וחוששים לריסוק אברים. אין אנו בקיאים בבדיקה לכן שום בדיקה לא מהני אלא אם כן הלכה הילוך יפה. וכן הדין בעוף.

וכן בהמה או עוף שנחבטו והתנגשו בדבר קשה, יש חשש נפולה וריסוק אברים.

ז) **פסוקה:** אם נפסק חוט השדרה ברוב היקפו של העור החופה את המוח — טרפה. נסדק לארכו — כשרה. ובגרגרת במקום

חשחיטה נסדקה לארכה — אסורה ואם נשאר ממנה כל שהוא למעלה ולמטה במקום שחיטה — כשרה.

ח) **שבורה**: נשברו רובן של כ״ב הצלעות בכיוון כלפי השדרה למעלה — טרפה. בבהמה אם נשברה אחת הצלעות הקטנות שאין לה מוח כשרה. בעוף — טרפה מחשש ניקוב הריאה מחמירין.

נשברה השדרה ולא נפסק חוט השדרה — כשרה.

והנה הבאנו לקורא רק דוגמאות אחדות למען הכניסו למושגי כל הבעיות הכרוכות בכשרות. ורבות ומסובכות מאד השאלות הכרוכות בנ״ל. והעיקר שיהודי הנאמן יזהר מאד בכל מקרה שיזדמן ישאל שאלת חכם.

אבר מן החי אסור לאכל מבבהמה חיה ועוף.

דם בהמה חיה ועוף אסורים. דם דגים וחגבים מותרים. דם שנמצא בביצה בין על החלבון בין על החלמון — אסור. ואם יש תערובות של הרבה ביצים טרופות בקערה אחת ויש ספק אם טפת הדם היתה על החלבון או החלמון יעשה שאלת חכם.

דם האברים אינו אסור אלא אם כן פירש ויצא לחוץ או שפירש בפנים ממקומו ונבלע במקום אחר ומתעורר לצאת אבל לא פירש ולא נצרר — מותר.

נצרר הדם מחמת מכה אסור לבשלו עד שיחתוך מקודם מקום הנצרר. ואם שכח ובשלו ככה צריך שיהי׳ ס׳ באותה חתיכה נגד הדם. ואם אין ס׳ כל החתיכה נעשית נבלה וצריך ס׳ נגד כל החתיכה והחתיכה עצמה אסורה. אבל לצלי מותר.

---

## מליחה והדחה

צריך להדיח יפה את הבשר קודם המליחה במים דהיינו להשרותו כחצי שעה במים ואח״כ להדיחו היטב ממי השרייה ולחכות מעט עד שיטפטפו המים מן הבשר קודם שימלחנו.

שכחו והשאירו את הבשר במים מעת לעת דהיינו עשרים וארבע שעות, הבשר וגם הכלי אסורים.

מלח ולא הדיח הבשר — אסור. ואם יש הפסד מרובה צריך לעשות שאלת חכם.

צריך למלח במלח בינוני ולפזר את המלח בכל המקומות שלא ישאר מקום פנוי. ועופות צריך למלח גם מבפנים.

השיעור להשהות במליחה הוא כשעה שלמה. לכבוד שבת ויום טוב אפשר לקצר מעט עד שלישית שעה בקירוב.

קודם הדחת הבשר מהמלח, צריך לנפץ, ולהסיר את המלח ע״י שטיפה במים קולחים ואח״כ ידיחנו עוד שתי פעמים בכלי.

בשר ששהה ג׳ ימים בלא מליחה שוב אין המליחה מועילה לו ואין להכינו מבושל כי אם צלי.

מותר למלח הרבה בשר ביחד אפילו בשר שור עם בשר עופות.

מלח החתיכה עם חלבה. אם יש ס׳ בבשר נגד החלב, הבשר מותר ואם אין ס׳ כל החתיכה אסורה.

אסור להשהות את הבשר במלח לאחר פליטת הציר דהיינו אחר י״ב שעות. ואם שכח ישאל שאלת חכם.

את הראש צריך לחתך לשנים, ומן הטלפים צריך לחתוך בעוקצים במקום החתך למטה — וימלחם.

הלב צריך לקרע לפני המליחה. ואם לא קרעו קורעו אחרי המליחה ומדיחו.

הכבד שהוא ספוג ואפוף דם אין לו תקנה לבשלו על ידי מליחה אלא צריך לקרעו שתי וערב ולצלותו. ואח״כ יכול אפילו לבשלו. ואין לצלות כבד ביחד עם בשר.

ביצים שנמצאו בגוף העוף. אם רק חלמון צריכים למלוח עם הבשר וצריכים הדחה ראשונה ואחרונה. ואם יש כבר חלבון גם קליפה קשה צריך גם כן למלח אבל להיזהר לא למלחן ביחד עם הבשר.

בשר לצלי אין צריך מליחה אבל להדית הדחה ראשונה — לכתחלה — צריך. ונוהגין גם למלח קצת לפני הצלי אבל אסור להשהות המלח כי אם לצלאו מיד. ונוהגין בצלי שלא נמלח תחלה, להדיחו אחר הצליה.

סימני בהמה וחיה טהורה נתפרשו בתורה. סימני עופות טהורים לא נתפרשו אלא שנמנו כל העופות הטמאים והחכמים נתנו סימנים למי שאינו מבין ואינו יודע שמותם. דהיינו שצריך לבדק בטיב העוף: עוף שדורס ואוכל בידוע שהוא טמא ושאינו דורס ואוכל אם יש בו ג׳ סימנים א) אצבע יתרה היינו רביעית מיל שלש האצבעות

הקדמיות ב) זפק ג) וקורקבן שעורו הפנימי בלתי מהודק ונקלף ביד, זה עוף טהור.

וצריך להיזהר לא להישען בשום מקרה על דעת עצמו כי אם לפנות אל חכם בקי בדינים.

סימני דגים טהורים מפורשים בתורה סנפיר וקשקשת.

אסור לאכל או לבשל פירות מתולעים וצריך מאד להיזהר. ולפני שמבשלים צריך לבדקם.

ביצי עוף טמא אסורים. ביצת נבלה וטרפה אסורה. ביצה של ספק טרפה — אסורה. כל ספק אם היא ביצת נבלה או ביצת שחוטה כגון ספק שאירע בשחיטה — מותרת.

---

## בשר בחלב

בשר חלב אסור בבישול באכילה ובהנאה. ודווקא דרך בישול (וצלי בכלל בישול).

אסור לערב מים שהדיחו בהם כלי בשר עם מים שהדיחו בהם כלי חלב.

אסור להעלות בשר או מאכלי בשר על שלחן שאוכל עליו מאכלי חלב אלא אם כן נותן סימן להיכר או שעושה הפסק ביניהם בכדי שלא יבואו לידי טעות.

אחרי שאוכלים מאכלי בשר צריך להמתין שש שעות בכדי שיהא מותר לאכל גבינה. אכל גבינה אין צריך להמתין שש שעות אלא די שיקנח ידיו וידיח פיו ויחכה כחצי שעה.

צריך להיזהר שלא יגע הבשר בלחם שאם יגע בו אסור הלחם לאכלו עם גבינה. וכן להפך שלא יגע הלחם בגבינה לחה.

בכל מיני מקרים שנפלו או נגעו בשר בחלב חם בצונן או צונן בחם וכדומה צריך לפנות למורה הוראה.

אין בשר בחלב נאסר על ידי מליחה או כבוש אלא באכילה ולא בהנאה.

בכל טעות של בישול מאכלי בשר בכלי־חלב וכן ההפך אסור להשתמש בכלים וצריך לשאל פי מורה־הוראה.

כל מיני ירקות חריפים כגון בצל צנון חזרת וכדומה שחתכם

בסכין של בשר אסור לאכלם אח"כ בחלב עד שיטול ממקום החתך כעובי אצבע.

---

## תערובות

איסור שנתערב בהיתר בין במינו בין שלא במינו צריכים ששים בהיתר כנגד האיסור.

אין מבטלין איסור לכתחלה: כגון שנפל איסור לתוך היתר ואין בהיתר ששים אז הוא יערים ויוסיף מן ההיתר עד ששים ומעלה בכדי לבטל את האיסור.

יש דברים שהם ניכרים ומוחשים מצד שלמותם או טעמם או ערכם וכד' שאין מתבטלים אפילו באלף.

צריך ליזהר לא לאכל בשר ודגים יחד משום סכנה ובין דגים ובשר צריך לשתות משקה או לקנח הפה במשהו לשם הפסק.

ומן הראוי שכל יהודי בעל נפש יר"ש אל יהסס בכל הזדמנות והזדמנות לשאל את הרב בכל עניני כשרות האכילה.

הנה תיארתי לפניכם קוראים נכבדים איזו דוגמאות אחדות של איסור והיתר בהכנת הבשר לאכילה. ובוודאי רק מעט מזעיר מכל ההלכות המרובות והמסובכות שנמצאות בנדון זה. אבל עיקר העיקרים הוא שכל אדם מישראל ישים אל לבו שבכל חשש של איסור באכילה שמזדמן לו עלול הוא לקבע את טהרת נפשו וזיוו מחשבתו, אם לא יזהר חלילה מלהכנים אל גופו דברים המטמטמים הלב מחלב ודם והלא בזה היא כל גדלות נפשנו של זרע אברהם יצחק ויעקב וכל אדם מישראל צריך לזכר את זה בכל עת ובכל שעה שמה נאה ויאה לאנשי ההמון לא נאה לבני מלכים. בנים של מלכו של עולם שבחר בנו להיות לדוגמא ולמופת.

וכן גם לאחים המנקרים העומדים על משמרת הקודש של המצאת הבשר לבתי ישראל אציע את דברי, דברי אח וידיד: אנא היזהרו נא לא להכשיל חלילה את בני ישראל. עיינו ולמדו היטב ועשו את מלאכתכם מלאכת הניקור ביושר. בכדי למנוע מכם את הטורח הגדול של עיון בספרי ראשונים מגדולי ישראל כי השעה כאן במדינתנו דחוקה ואצה — (ולמי זה יש פנאי לעיין ולהתעמק ? !) הלא סדרתי

לפניכם ציורים מאירי־עינים וכל אחד יוכל לקיים את זה בבחינת כזה ראה ונקר!

ואין להרבות כאן על גודל הענשים הנוראים המגיעים לו לקצב בלתי־הגון בזה ובבא על הזניחו וזלזולו במלאכת־הקדש. ולא חשודים חלילה אחב״י במדינה זו על חפצם חלילה להונות ולרמות. אלא שהעדר הידיעה הוא בעכרנו.

אי לזאת אבקשכם ידידים החזיקו נא חוברת זו לפני עיניכם תמיד, בבית. ובמקולון שאתם חותכים ושוקלים את הבשר, וגם דבר תדברו ובאר תבארו לכל אלה הבאים לקנות את הבשר את הכתוב בתורה „ואנשי קדש תהיון לי״, וכו׳. והייתי מציע שכל קצב יתלה בחנותו שלט גדול עם אותיות מאירות עינים בשלש השפות.

וככה גם אני עושה בתרגומי חוברתי זו לשלש השפות בכדי לזכות את הרבים וזכות הרבים תהא תלוי׳ בי, בהפיצי חוברת זו בכל המשפחות בית ישראל אכי״ר וקראתי חוברת זו בשם תורת חיים כי היא מדריכה את האדם הישראלי לחיים של בריאות הגוף והנשמה גם יחד. ומה גם ששמי הפרטי כלול בתוכו ומובא בספרים הקדושים שכל מחבר צריך לרשום שמו בספרו.

כי חביב עלי עסק התורה והמצוות כי אין טוב אלא תורה ונאמר „כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו״ (משלי ד׳ פ״ב).

הציורים בסוף החלק האידית

# חורבן און — אויפבוי

I

דו קלאַגסט זיך, אַה, מענטש דו ביטערסט און וויינסט
אַז דיין וועלט איז דיר צעשטערט, פאַרדאַרבען:
וואו איז, שרייסטו, מיין „אידעאַל", דאַס שטרעבען צו „ליכט".

II

אַה און וועה, טהוט זיפצען, יאָמערט שטיל דיין נשמה,
ווי אַזוי האָט דאַס מיט מיר פּאַסירט געשעהן?!
און ווי אדם הראשון נאָכ'ן פאַלגען דעם שלאַנג...

III

האָסטו זיך פלוצלינג, אַ נאַקעטער דערזעהן...
עס ווייטיגט דיין נשמה זעהענדיג די חוצפה
וואָס שאַלטעוועט און קעניגט אין לעבען איבעראַל!
דער יושר פאַרשניטען, דער ליגען ער הערשט.
מאַכען געלט לויפען נאָך כבוד איז געוואָרען דער נייער אידעאַל.

IV

דער אמת פאַרוואָרפען טיעף באַגראַבען
פון זיין געביין קיין סימן קיין אַנדענק געבליבען.
דאָס הייליגקייט פון שטרעבען צו געטליכע מענטשליכקייט
ווי פון אַלע הייזער פאַרשוואונדען פאַרטריבען.

V

אָבער וואָס קלאַגסטו וואָס וויינסטו דו אומגליקליכער מענטש?
איז דען דאָס נישט געווען דיין שטרעבען?!
אויסוואָרצלען „פאַנאַטיזם"! נאָר פאַרשריט, נאָר פאָרווערטס
איז דאָך געווען דער רוף, דער ציעל פון דיין לעבען!

VI

צעבראָכען האָסטו פלויטען וואָס האָבען פּאַלאַצען געשיצט
צעריסען טראַדיציעס, געבראָכען יעדע מאָס און וואָג
די פּראַכט פון עלטער האָסטו באַליידיגט פאַרשעמט,
און נאָך שטוינסטו און פרעגסט זיך פאַרוואָס איז געקומען אַזאַ קלאָג?

VII

אַ געשלאָגענער ענטוישטער פון אייגענעם אויפשטאַנד און שטרעבען
ווי אַן אבל שטעהסטו און עס טריפען דיינע אויגען!
אויסגעניכטערט פון שכרות, אויסגעלאָכט פון פאַרשריט
שטעהסט פאַרקלעמט מיט'ן קאָפּ געבויגען, אין דיין מאָדערנעם לעבען.

VIII

פאַרוואָס זשע טאַקע קלאָגסטו דו גרויסער זיעגער העלד
האָסט דיין נצחון פאַרוואַנדעלט אין קלאָג-ליעד.
האָסט דאָך געזיעגט, האָסט דאָך אַ נייע מאָדערנע וועלט?
פאַרוואָס ביזטו אַזוי באַטריבען אַזוי שרעקליך טרויעריג-מיעד?

IX

קלאָג טאַקע דו מענטש און באַדויער באַוויין דיין חורבן
געמיינט האָסטו צו בויען געבליבען ביזטו נאָר אליין.
נאָר געדענקען זאָלסטו, קיינמאָל נישט צו שפּעט אויף תשובה
ג-ט וויל פון דיר תשובה
בוי צוריק און באַניי דיין לעבען דיין דאַזיין...

# פ אָ ר ר ע ד ע

זעהר חשובע לייענער, טייערע ברידער!

מיין טיפסטע שטרעבונג און מיין ערליכער פארלאנג מיטן פאַרלייגן פאַר אייך אַט דאָס דאָזיקע העפט מיטן נאָמען: „תורת חיים״, איז נישט חלילה, זיך באַווייזען און גרויס האַלטען: „זעט נאָר זעט, די וואונדערבאַרע אַנדעקונגען וועלכע איך מאַך א. א. ז. וו.״ איך בין זעהר ווייט פון דעם. מיין איינציקע שטרעבונג און הארץ-וואונטש איז בלויז זיך אַביסל און אייך, מאַכען אַנטיילנעמען אין דאנקבאַר-געפילן מיט וועלכן איך בין טיף אַדורכגעדרונגען. דאנקבאַרקייט-געפילן צו השם יתברך פאַרן באַשענקען זיין פאָלק ישראל מיט אַזעלכע וואונדערבאַרע געזעצען און דינים דורך וועלכע אַ מענש ווערט דערהויבן צו דעם ווערט אַנגערופן צו ווערן מיטן נאָמען מענטש. — געזעצן, פון איידלקייט און אַדעליקייט; געזעצן וועלכע פירן צו קערפערלעכע און גייסטיקע, האַרמאָנישע ריינקייט!

איך וויל דאַ פאַר אייך חשובע לייענער, אַרויסברענגען מיינע טיפע דאַנקבאַרקייט-געפילן וועלכע איך פיל צו השי״ת; געפילן וועלכע זיינען אין מיר געשטיגן און געשטאַרקט געוואָרן, זייט מיין באַשעפטיקן זיך מיט דער הייליגער אַרבעט פון שחיטה און ניקור, און אין אַלע געביטן און דינים וועלכע האָבן אַ שייכות צו דעם פּראָצעס פון כשרן דעם פלייש צום עסן. אַט די מצוות וועלכע השם יתברך האָט אונז געגעבן מיט זיין גרויס גענאַד בכדי אונזערע קערפּערס און נשמות זאָלן ווערן געלייטערט און אויסגעאיידלט.

און הלוואי זאָלן מיר זוכה זיין אַז די אַנערקענונג פון דער געטלעכער גנאַד, וועלכע דריקט זיך אויס אין די מצוות פון שחיטה און ניקור זאָל טיף אַריינדרינגען אין די הערצער פון יעדן איינעם אידן אַווי נאָר ער געפינט זיך. מיר זאָלען פאַרשטיין ווי ווייט די כשרות-געזעצן דערהאַלטן אין אונז די געטלעכע אַדעליגקייט, וועלכע איז געוועזן דער גרעסטער כאַראַקטער-שטריך פון אונזער פאָלק, פון אַנהייב פון זיין עקזיסטענץ. און אויך דאַ אין אַמעריקע זאָל דאָס כשרות ווערן איינע פון די גרונט-אידעאַלן און פּרינציפּן פון אַנהאַלטן אידישקייט אַזוי ווי עס פלעגט זיין אַמאָל אין אייראָפּע און איבעראַל.

פאַר אייך טייערע ברידער, שוחטים און מנקרים שטעל איך דאָ פאַר, אין אַ קאָנדענסירטע פאָרם, די גאַנצע אַרבעט פון טרייבערן, באַגלייט מיט פאָטאָגראַפישע בילדער, אויך אַלגעמיינע קורצע אָנווייזונגען, און דיני שחיטה, טרפות, מליחה הדחה, תערובות א. א. ז. וו. זאַכען וואָס מען באַדאַרף צו יעדער צייט געדענקען. אויך פאַר אייך חשובע לייענער, וועלכע פאַרשטייען און פילן די ערהאַבענקייט פון קדושת־ישראל אַלס אַ רעזולטאַט פון כשרות...

וויל איך דאָ פאַרברענגען אַ זאַמלונג פון טייערע פערל־זאָגען, באַטראַכטונגען און בליץ־געדאַנקען וועגן הייליגקייט און דערהויבנקייט פון אידישן פאָלק, וואָס האָט זיך ענטוויקלט און דערגרייכט זיין הויכקייט אַ דאַנק דעם אָפּהיטן זיך פון אומריינע, אומכשרע שפייזן. די פערל האָב איך צוזאַמענגעקליבן פון די חז״ל און ווי אויך פון אַנדערע קאָפּאַציטעטן אויפן געביט פון וויסענשאַפט און פילאָסאָפיע, אין אַלע, און איבערחויפּט לעצטע צייטן.

און אויב השי״ת וועט מיך לאָזן לעבן און כ׳וועל זוכה זיין צו זען, אַז מיין העפט וועט האָבן אפילו אַ קליינע ווירקונג, אפילו בלויז אויף איינצעלנע פערזאָנען, אויסצובעסערן זייער אויפפירונג אין דעם וועג פון כשרות — וועל איך דאָס באַטראַכטן, פאַר מיין גרעסטע באַלוינונג פאַר שווער לעבן, וועלכע השי״ת האָט מיר געשאַנקען אויף דער וועלט.

מיין טיפסטע תפלה צו גאָט איז: כ׳זאָל נאָך זוכה זיין צו זען די פאַרשטאַרקונג פון קדושת ישראל אין אַמעריקע, אין ישראל און אויף דער גאַנצער וועלט אכי״ר.

דער מחבר

# תורת חיים

דאָס טראַדיציאָנעלע אידענטום איז — און איז אַלע צייטן געוועזן — די געטרייע היטערן און אָנהאַלטערן פון דעם ערהאַבענעם באַגריף פון מענטשלעכע ווירדע אין אינדיווידועלן זין ווי אויך אין אַלגעמיין מענטשלעכן זין.

דאָס סיני געבאָט: „לא תרצח"! זאָלסט נישט מאָרדן און די שפּעטערע וויזיע פון ישעיהו הנביא: „לא ישא גוי אל גוי חרב" — קיין פאָלק וועט נישט הייבן זיין שווערד אַנטקעגן אַ פאָלק... אָט די צוויי באַפעלן — געדאַנקען קומען זיך צונויף אין איין גרונט-אידעע וועגן דער הייליגקייט און ערהאַבענקייט פון מענטשלעכן לעבן אַלס אַ פרט ווי אַלס כלל. עס איז דעריבער קיין וואונדער, וואָס אונזערע חז"ל אונזערע הייליקע געלערנטע און געטלעכע פילאָזאָפן האָבען צו אַלע צייטן זיך אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט אין וואוילזיין פון מענטשלעכן קערפּער און אין זיין גלייכגעוויכט. און איבערהויפּט וואָס זיי האָבן זיך אַזויפיל געקימערט וועגן כשרע שפּייזן, וועלכע דאַרפן ערמעגלעכן דעם קערפּער, זיין צוגעגרייט אויפצונעמען די געטלעכע ווירקונג און איינפלוס. עס איז דעריבער אויך קיין וואונדער נישט, וואָס צו אַלע צייטן אַלטערטימלעכע, מיטעלאַלטערלעכע ווי אויך אין אונזערע מאָדערנע צייטן פאַרנעמען מעדיצינער אידן, ערפינדער אין מעדיצין-אידן כמעט דעם אויבענאָן אויף דעם געביט, אויפן געביט פון היילן און פאַרהיטן פון קראַנקהייט... עס ליגט דערין עפּעס געטלעכעס-היסטאָרישעס, און פון צייט צו צייט ווערן אַנדעקט נייע באַווייזן ווי ווייט די כשרות געזעצן, אונזערע טראַדיציאָנעלע כשרות-געזעצן זיינען הילפבאַר פאַרן מענשענס געזונט...

און מער ווי איינמאָל האָט די טרוקענע וויסענשאַפט געמוזט בייגן דעם קאָפּ און מודה זיין און אַנערקענען די ערהאַבענקייט פון משה רבנו'ס געזעצן.

און מיר גלויבן, אַז אַסאַך וואָסערן פון דער וויסענשאַפט וועט נאָך אַפּלויפן ביז מ'וועט זיך דערגרונטעווען און דערגיין די גרויסקייט פון אונזערע תורה-געזעצן וועגן כשרות, וועלכע האָבן צו אַלע צייטן

געדינט דעם אידישן פאלקט ווי א פאנצער געגן פארגרעבקייט און וועלכע האבן אונז געהאלפן אנהאלטן אונזערע געטלעכע נאנטקייט.

די אזוי גערופענע — מיט ביטול דורך אונזערע „מאדערנע" אידן — „דייעטרי לאוס" זיינען נישט עפעס שטיקלעך מנהגים פון אנהאלטען טראדיציאנעלע גאוואוינהייטן צו וועלכע מען איז צוגעבונדן גלאט אזוי — אן א זין אן א חן, אן טיפע איבערצייגונג, און אן אנאונג אז דאס איז א גליק...

ניין! דאס זיינען די געזונטהייט געזעצן, די געזעצן וועגן אנהאלטן די געדאנקען־קלארקייט, וועלכע יעדער איינער אידישער מענטש היט אפ שטרענג גענוי ווי דער באוואוסטזיניקער קראנקער מענטש היט אפ די אנווייזונגען פון זיין געטרייען דאקטער, וועלכער באפעלט אים: „דאס מעגסטו דו עסן און דאס טארסטו נישט". „פון די שפייזן דארפסט דו זיך האלטן ווייט און און נאר די דאזיקע שפייזן מעגסט דו עסן און די שפייזן זיינען געזונט פאר דיר"... און אבוואל דער קראנקער קען דאך נישט גענוי פארשטיין ווי אזוי דורך דעם דאקטערס אנווייזונגען וועט אויף אים קומען א דערהאלונג, דאך באציט ער זיך מיט דעם פולסטן צוטרוי צום דאקטער. ער באטראכט דעם דאקטער פאר דעם ספעציאליסט און קענער און וויסענשאפטס־מאן און ער דער קראנקער פארשטייט, אז דער דאקטער איז קלאר אין אלע געהיימניסן פון קערפער, דעריבער קען ער באפעלן דעם קראנקען: דאס מעגסטו און דאס טארסטו נישט!...

גענוי אט אזוי באציען מיר זיך, די טראדיציאנעלע אידישע מענטשען צו דעם געטלעכן פארשפרעכן, צו דער געטלעכער דעק־לאראציע פון: „אני ה' רופאך"! ! ! איך גאט, בין דיין גאט און דאקטער היילער און דיין באשעפער, און איך בין דער היילער פון אלע דיינע קראנקהייטן, איך בין דער וואס זארגט פאר דיין וואוילזיין און איך גיב דיר די פארשריפטן וועגן דיין גייסטיק און פיזיש געזונט... דאס איז דער אלמעכטיקער גאט, וואס האט אונז באשאנקען מיט דער בחירה חפשית, מיט דעם כח פון פרייען אויסוואהל, וואס איז גוט און וואס איז שלעכט. וואס הייסט טהור — ריין, און וואס הייסט טמא — אומריין... וואס איז כשר — פאסיק און צוגעגרייט פאר אונז צום עסן, און וואס נישט! אט דאס איז דער גלויבן און טיפע איבערצייגונג פון אידישן מענשן.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז וואס מער דאס צוטרויען פון קראנקען

צום דאקטער איז אלס גרעסער, אלס שנעלער און ווירקזאמער זיינען די רפואות, וועלכע דער דאקטער פארשרייבט. דאך אויך אין פאל ווען דער קראנקער באציט זיך גלייכגילטיק צום דאקטער, אדער אפילו מיט צווייפל, דאך אבער פאלגט ער גרונדליך די אנווייזונגען פון דאקטער דאן קען מען אויך ערווארטן די דערהאלונג און די גוטע רעזולטאטן פון דאקטערס אנווייזונגען... אט אזוי פונקט, איז עס מיט אונזער אידיש פאלק. די שיכטן פון טרייע טראדיציאנעלע מאמינים בני מאמינים, וועלכע באציען זיך צו השי"ת מיטן פולסטן צוטרוי; צו השי"ת וועלכער איז אונזער רופא, און צו זיין תורה וועלכע איז אונזער רפואה, ממילא זיינען די אלע אנווייזונגען: אלע מצוות און דינים פון טומאה און טהרה, כשרות און טרפות א. א. ז. וו. א קוואל פון גייסטיקע און קערפערלעכע ערהאלונג און פארגעניגן פון רעליגיעזע דערלייטערונג און דערהויבנקייט.

אבער אפילו די פון אונזערע ברידער ביי וועלכע דאס גלויבנס-געפיל איז שטארק אפגעשוואכט און זייער באציאונג צו אונזער אלע גייסטיקע ווערטן און באגריפן איז זעהר א קאלטע... דאך אזוי לאנג ווי זיי וועלן נאר פאקטיש האלטן ביי די געזעצן פון כשרות — פונקט אזוי ווי דער אויבנדערמאנטער קראנקער, וואס צווייפלט אין דאקטער, דאך האלט ער זיך שטרענג ביים דאקטערס אנווייזונגען — דאן וועלען זיי אויך בלייבן — טראץ זייערע צווייפלענישן און גלייכגילטיגקייט — אנגעקניפט און אנגעבונדן אין די אייביקע אידישע געטלעכקייט פון סיני...

דער דאזיקער געדאנק ווערט אויך אויסגעדריקט אין מדרש (איכה) „ואותי עזבו וגו'. — הלוואי אותי עזבו, ואת תורתי שמרו". — דער כביכול באקלאגט זיך, אז די אידן האבן אים פארלאזן און זיין תורה נישט אפגעהאלטן. געפינען אונזערע חז"ל און דעם דאזיקן אויסדרוק אן אנדייטונג, אז דער רבש"ע וואלט צופרידען געווען אויב אפילו, אז זיי פארלאזן אים — דאס מיינט: ווען זיי פארלירן דאס גרויסע, ליכטיקע פארשטענדניש פאר די געטלעכקייט... וואלטן זיי כאטש אמווייניגסטן אפהיטן זיינע געזעצן... ווייל בלויז דאס אפהיטן די מצוות מעשיות אליין אן דעם טיפערן גייסטיקן באזיס, איז אויך גענוג אנצוהאלטן די פארבינדונג פון גאט ברוך הוא, מיטן אידישן פאלק. דורך אפהיטן די געזעצן פון מאכלות אסורות — דאס אפהיטן דעם אידישן קערפער פון די אומווירדיגקייטן פון אומריטועלע שפייזן.

דאס אליין האלט דאס געקניפט און געבונדן מיט דער געטלעכקייט און סיני־אייביגקייט.

אלס א באווייז — פאר דעם „מאדערנעם אידישן מענטשן", וועלכער איז דאך עפעס זעהר גייציק צו האבן „וויסענשאפטלעכע באווייזן", אז אונזערע הייליקע תורה און אלע געזעצן איז טאקע מן השמים, איז טאקע די לערע פון דער אייביקער געטלעכקייט, אויף וועלכע עס וועט קיינמאל נישט חל זיין קיין ענדערונגען — קען אויך דינען דער אומבאשטרייטבארער פאקט, אז נאך ביז היינט צו טאג האט נאך קיין איינער פון די גרעסטע וויסנשאפטלער נאך נישט אנדעקט נאך א באשעפעניש — אויסער די פיר וועלכע משה רבנו רעכנט אונז אוים אין דער תורה, וועלכעס זאל באזיצן נאר האלבע סימני־כשרות: דער חזיר און האז, וועלכע האבן געשפאלטענע קלאען און זיינען נישט מעלה־גרה, און דער קעמל און קראליק, וועלכע זיינען יא מעלה־גרה אבער האבן נישט קיין געשפאלטענע קלאען און דעריבער זיינען זיי נישט קיין בהמות טהורות. אלזא, פרעגט זיך דאך א פראגע, ווי אזוי האט דאס משה געוואוסט, אז נאר די פיר אליין געפינען זיך אויף דער וועלט? — און עס זיינען דאך שוין אפגעפלאסן טויזנטר יארן און עס זיינען דאך שוין ענדעקט געווארן נייע קאנטינענטן און לענדער: אמעריקע, אוסטראליע א. א. ז. וו. און עס זיינען שוין ענדעקט געווארן פארשידענע בהמות פון וועלכע אונזערע אור־שפרינגלעכע עלטערן האבן קיין באגריף נים געהאט, ריינע און אומריינע באשעפענישן און פון צווישן די אלע האבן מיר נישט קיין איין נייעם ספעצימען, וועלכע זאל באזיצן בלויז האלבע סימנים, בלויז צושפאלטענע קלאען, אדער בלויז מעלה־גרה זיין. אלזא, פון וואנענזשע האט משה רבנו גענומען און בטצייכענט אז בלויז די אויבן דערמאנטע חיות האבן די האלביקע סימנים?! נאר פון דעם געטלעכן, הימלישן קוואל, נאר פון אונזער הייליקער תורה, וועלכע איז צו אונז אנטפלעקט געווארן מסיני! און עס וועט שוין קיינמאל נישט אין דער נאענטער אדער ווייטער צוקונפט אנדעקט ווערן עפעס וואס זאל חלילה קענען אפלייקענען די הייליגקייט און אייביגקייט פון אונזער תורה. ווייל אונזער תורה איז תורה מן השמים און אלע אירע ווערטער זיינען פון גאט ברוך הוא אליין. און גאט ברוך הוא האט אונז געגעבן די תורה כדי מיר זאלן קענען אנהאלטען אונזער עקזיסטענץ אונזערע קערפערס און אונזערע נשמות און די העכסטע הייליגקייט און געלייטערטקייט.

הייליגקייט פון כלל און הליגקייט פון יחיד. ווערזשע קען וועגן זיך אנטקעגנשטעלן די געזעצן פון אונזער גייסטיקן און פיזישן געזונט, די געזעצן פון איסור והיתר אין אונזער דייעט, וועלכע זיינען אנגעצייכנט געווארן פון באשעפער און זארגער פון געזונטהייט אליין!

עס איז אלעמען גוט באקאנט, אז אין דער וויסענשאפטלעכער וועלט פילט זיך יעצט א נייגונג צוריקצוקערן צו גלויבן, צום גלויבן, אז די וועלט ווערט אנגעפירט פון א באשעפער, פון א דאמינירנדן כח, וועלכער האט זיינע צילן און ווילן. א ווילן, וועלכע אונזערע חז״ל האבן שוין פון לאנג באצייכנט מיט די ווערטער: „כשעלה ברצונו״, ווען עס איז אויפגעגאנגען דער ווילן פון השם יתברך. מיר דאס פאלק פון אמונה, דאס פאלק פון גאט. וועלכעס גלויבט אין ווילן פון גאט, וועלכעס איז פארקערפערט געווארן אין די אלע מצוות מעשיות פון דער תורה. מיר, דאס פאלק פון ישראל האבן פון שטענדיק אן געהייסן דעם מענטשן פארשן און שטודירן, זוכן און דענקן. ווייל וואס מער וויסנשאפט, וואס מער זוכעניש אין די פארהוילענע קוואלן פון דער נאטור, אלס נאנטער, אלס קלארער וועט ווערן די אמונה. געגוג אנצוווייזן אויף דעם רוף פון ישעיהו הנביא: „שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה?״ וכו׳. הויבט אויף אייערע אויגן, מענטשן, און פרעגט זיך ווער האט דאס אלס באשאפן... אלע וויסענשאפטסלייט, כעמיקער, פיזיקער, באקטעריאלאגן, פילאזאפן, מאטעמאטיקער, יעדער איינער פון זיי קומט צו א פונקט פון פראבלעמען אויף וועלכע ער האט נאר איין אמתן ענטפער: גאטהייט! ספעציעל אין אונזער אטאמישער עפאכע קומען אלע עהרלעכע, נישט היפאקריטישע פארשער צו דער איבערצייגונג אז: „מה רבו מעשיך ה׳ כלם בחכמה עשית״ — ווי גרויס זיינען דיינע מעשים אלמעכטיקער גאט, אלעס האסטו באשאפן מיט חכמה און פלאן... און מיר, דאס אידישע פאלק גלויבן און זיינען טיף איבערצייגט אז די געטלעכע חכמה האט זיך קאנצענטרירט אין אונזער תורה. יעדע מצווה איז א פלאנירטער אויסדרוק פון השם יתברך פאר אונזער וואוילזיין. די אלע מצוות וועגן אונזער קערפערלעכער אויפפירונג פון שפייזן א. א. ז. וו. אלץ איז פון ווילן פון השם יתברך. און וואס מער און בעסער מיר וועלן די מצוות נאכפאלגן אלץ בעסער און אלץ איידעלער וועלן אונזערע חושים ווערן פעאיקער צו פילן און געניסן פון דער אייביקער גוטסקייט, ערהאבנקייט פון אייביקער געטלעכקייט.

פון דער פרעסע און זשורנאלן קומען באריכטן, אז די מענטש־הייט קערט זיך אום צוריק צו רעליגיע, און לייענענדיק דאס, פרעגט מען זיך אליין: איז דאס מעגלעך, די 20סטע „סענטשערי", וואס איז אזוי פיל מיט וויסענשאפט און די אטאמישע עפאכע, זאל קומען צו גאטהייט? — דער ענטפער איז: יא! און דאס האט געזאגט דער בארימטער פילאסאף פרענסיס בייקאן, אז אביסל פילאסאפיע נעמט דעם מענטשן אוועק פון גלויבן, אבער אסאך פילאסאפיע ברענגט אים צוריק צו אים.

ווארים ווי לאנג איז דאס געווען ווען די וויסענשאפט פון כעמיע, פיזיק, מעדיצין, האבן גערענקט, אז קיין סוד איז פאר זיי נישט פארבארגען, אבער ביסלעכווייז האבן זיי זיך געכאפט, אז נאכדעם ווי עס ווערן קלאר אלע זייערע אויסרעכנונגען פינקטלעך, פרעגט זיך, וואו איז די קראפט וואס פירט אן מיט אזא ארדענונג, ווער האט געלאזן גיין דעם אוניווערס מיט אזא אייביקער הארמאניע?

דא הויבן אן די וויסענשאפטסלייט צו אנערקענען די גאטהייט, ווייל אנצוהאלטן דאס לעבן אויף דער ערד זיינען נויטיק פינקטלעכע באדינגונגען, אז עס קען ניט זיין דורך א צופאל. די ערד דרייט זיך טויזנט מאל א שטונדע, אויב זי זאל זיך דרייען הונדערט מאל א שטונדע, וואלטן אונזערע טעג און נעכט געווען 10 מאל אזוי לאנג און די זון וואלט פארברענט אין דעם לאנגען טאג אלע פלאנצן, און די לאנגע נעכט וואלטן אלע געוויקסן פארפרוירן געווארן.

די זון וואס איז אונזער קוואל פון לעבן, גיט אזוי פיל היץ, און אונזער ערד איז פונקט אזוי ווייט פון דער זון, אז איר אייביק פייער זאל אונז געבן אזוי פיל ווארעמקייט וויפיל מיר דארפן, און ניט צופיל.

ווען די זון זאל ארויסגעבן נאר א העלפט פון איר איצטיקער היץ, וואלטן מיר פארפרוירן געווארן, און אויב די זון וואלט ארויס־געגעבן א העלפט מער היץ ווי איצטער, וואלטן מיר פארברענט געווארן. אויב די לבנה וואלט געווען פון אונז נאר פופציק טויזנט מאל ווייט, אנשטאט איר איצטיקער ווייטקייט, וואלט דאס שטייגן און פאלן פון וואסער און ים געווען אזוי גרויס, אז צוויי מאל א טאג וואלטן אלע קאנטינענטן פארפלייצט געווארן אפילו די הויכע בערג וואלטן פארשווענקט געווארן.

אויב די שאלעכץ פון דער ערד וואלט געווען נור מיט 10 פוס

דיקער ווי איצט, וואלט נים געווען קיין אקסידזשען: „זויער שטאף״ און וועלכע אלע לעבעדיקע באשעפענישן וואלטן אויסגעשטארבן.

אויב אונזער אטמאספערע, דאס הייסט די לופט, וואלט געווען אסאך דינער, וואלטן אייניקע מעטעארן, וואס ווערן פארברענט אין דער לופט אין די מיליאנען יעדן טאג געפאלען אויף אלע טיילן פון דער ערד און פאראורזאכט פייערן אומעטום.

באטראכט נאר דאס לעבן פון די פייגל, די נאטור ווי דער גרעסטער מוזיקער, האט אויסגעלערנט יעדן פויגל צו זינגען זיינע ליבע לידער, די אינזעקטן צו רופן איינס דאס אנדערע דורך זייערע פיל קלאנגען.

די נאטור איז דער גרעסטער כעמיקער, וואס גיט אריין דעם טעם אין פרוכטן און נעווירצן, פארוואנדלט וואסער אין קארבאניק עסיד, אין צוקער אין האלץ, און דורכפירענדיק דעם פראצעס גיט זי ארויס זויער שטאף, די לעבעדיקע באשעפענישן זאלן קאנען אטעמען און לעבן.

בעטראכט נור די קאנטראלירונג פון דער נאטור, אינזעקטן זיינען פרים ורבים, מערן זיך זעהר שנעל, ווארום באהערשן זיי נים די וועלט, דאס איז צוליב דעם, וואס זיי האבן נים קיין לונגען, זיי אטעמען דורך טרייבלאך, איז ווען א אינזעקט וואקסט גרוים, וואקסן מיט זיינע לופט טרייבלאך, לויט זיין גרוים, דעריבער איז ניטא קיין גרויסע אינזעקטן, אויב די פיזישע באגרעניצונג וואלט נים געווען, וואלטן מענטשן נים געקענט עקזיסטירן אויף דער וועלט. שטעלט זיך פאר ווי וואלטן מיר געקענט לעבן, ווען אינזעקטן וואלטן געווען אזוי גרוים ווי חיות אין די וועלדער.

און איצט וועגן דעם מענטשן אליין. די וואונדער פון מענטשלעכן שכל ,דער אינסטינקט פון יעדער באשעפעניש איז גרוים גענוג, אבער די קראפט פון מענטשלעכן דענקען, איז וואונדער איבער וואונדער. מיר קענען דאס נים פארשטיין און אננעמען אז אונזער שכל איז א חלק אלוה ממעל, א טייל פון געטלעכן אוניווערזאלן שכל, פילע היינטיקע וויסענשאפטסלייט זאגן ווי דער בארימטער פילאזאף דעקארט, מיר דענקען, א סימן, אז עס איז דא א איבער נאטירלעכע קראפט, וואס האט אונז דעם שכל געגעבן. דער פאקט, וואס א מענטש קען באגרייפן די אידעע פון ג׳. דאס אליין איז א באווייז אז עס איז דא א באשעפר דער באגריף פון ג׳ וואקסט ארוים פון געטלעכער פעאיגקייט אין מענטשן. די פעאיגקייט פון דמיון, וואס האט גארנים

צו טאָן מיט אונזער פיזישער וועלט, בלויז דער מענטש באַזיצט די קראַפט צו פילאָסאָפירן און אריינדרונגען אין דער גאַנצער מיסטעריע פון דער וועלט און קומען צו דער אידעע, אַז עס איז דאָ אַ איבער־נאַטירלעכער כח הדמיון, וואָס האָט אריינגעגעבן אין מענטשן די פעאיגקייט צו פאָרשן און גלויבן אַז עס איז דאָ אַ ג׳. וויסענשאַפטסלייט, וועלכע פאַרשטיין און זוכען און ווילן אַלץ דערגיין מיט שכל, קומען צו אַ געווייסן פונקט און מער גייט עס ניט, כעמיקער גיין אַזוי ווייט, ווי ביז צו די אַטאָמען און עלעקטראָנען, ווייסן ווי אַלץ קאָמבינירט זיך, ווי אַלץ פאַראייניגט זיך און טיילט זיך פאַנאַנדער, אָבער וואו איז די פאַרבאָרגענע קראַפט, וואָס טרייבט און האַלט אויף די אַטאָמען, עלעקטראָנען און אַלץ אַרום זיי. צוליב די אַלע אורזאַכן מוז מען זאָגן, אַז עס איז ניטאָ קיין איין שאַנס פון אַ מיליאָן, אַז דאָס לעבן אויף אונזער פּלאַנעט איז געשאַפן געוואָרן דורך אַ צופאַל.

עס ווערט געזאָגט (אין משלי כ׳ כ״ג) „נר ה׳ נשמת אדם״. אַ ליכט פון גאָט איז די נשמה פון מענטשן. די דאָזיקע ערהאַבענע מענטשלעכע זעלע איז אַנגעקניפּט אין מענטשענס קערפּער ווי דאָס פלעמעלע אין קנייטל פון אַ ליכט, און בכדי, אַז דאָס ליכט זאָל זיין קלאָר און זויבער איז דאָך אַ נויטווענדיקייט אַז דער מאַטעריאַל אין וועלכן דאָס ליכט איז אַנגעקניפּט זאָל זיין געפלעגט און געשפייזט מיט זעהר איבערקלויבבערישע און פּאַסיקע שפּייזן. דאַרפן מיר אַלזאָ דערפון פאַרשטיין, אַז דורכן פאַרנאַכלעסיגן די שפּייז־געזעצן, וועלכע עס האָבן אונז געלערנט די תורה און די חז״ל — ווערט דער דאָזיקער נר־ה׳, דאָס געטלעכע פייערל און ליכטל אין אונז פאַרטונקלט און פאַרצוקט... און אַנשטאָט באַלייכטן און צו דערוואַרמען און צו שאַפן פריינטשאַפטס־באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש... ווערט דאָס דאָזיקע פייערל אַ רויכערדיקער פלאַם פון מיספאַרשטענדניש און האַס צווישן מענטש און מענטש.

און ווי ליכטיק און מעכטיק דערשיינען פאַר אונזער אויג די אַלע היסטאָרישע געשטאַלטן, אַנהויבנדיק פון משה רבנו, וועלכער האָט שוין אַלס קינד נישט געוואָלט זויגן אומפּאַסיקע פאַר זיין הייליק מויל, שפּייז... ביז דניאל און זיינע פריינט, וועלכע האָבן זיך באַניגנט מיט טרוקענע קערנער אַבי זיך נישט פאַראומרייניגן, מיט דעם עבודה זרה׳דיגע ברויט אין די צייטן פון נבוכדנצר, ביז אליעזר און זיינע פריינט פון די צייטן פון אנטיכוסן ביז שפּעטערדיקע אַלע

צייטן, וועלכע זיינען געווען גרייט בעסער צו שטארבן אויף נויט־ווענדיקן, קדוש השם, איידער זיך חלילה פאראומרייניגען מיט אומ־רייניקייטן פון נבלות וטרפות! יא, אונזערע שטרענגע געזעצן וועגן אפהיטן „ג'טס ליכטעלע" אין אונזערע קערפערס וועלכע זיינען אונז געגעבן געווארן אין אנפאנג פון אונזער נאציאנאלן געזעץ, זיי האבן אונז געשטארקט אויך פיזיש געלייטערט און געשיצט אונזערע קערפערס עס זאלן זיך אין זיי נישט קענען באהעפטן פארשידענע קרענק, וועלכע האבן געפלאגט די אומות העולם פון שטענדיק אן. און טאקע נאר א דאנק די דאזיקע דינים, וועלכע קוקען אוים אפשר ביי דעם „מאדערנעם" איד, צו זיין אביסל „מאדנע" און אומפאר־שטענדלעך טאקע די „דינים" האבן אנגעהאלטן אונזער עקזיסטענץ אין אלע גלותן ביזן היינטיקן טאג, ווען מיר האבן ב"ה זוכה געווען צו דער ווידעראויפלעבונג פון מדינת ישראל.

עס ווארנט אונז די הייליקע תורה: „קינדער זענט איר צו דעם אלמעכטיקן אייער גאט"... „ווייל א הייליק פאלק ביזטו צו דיין גאט דעם מעכטיקן, און דיך האט ער אויסגעקליבן צו זיין צו אים א צירונג־פאלק, מער פון אלע פעלקער וועלכע געפינען זיך אויף דער אויבערפלאך פון דער ערד. —

## זאלסטו נישט עסען קיין אומווירדיקייט!

ווייל יעדער קערפער פון א אידן דארף זיין ווי דער משכן פון גאט און עס איז שטרענג פארבאטן צו פאראומרייניקן אדער פארשמוצן דעם דאזיקן וואוינ־ארט פון גאט!

זאלן זיך די אנדערע פעלקער פירן זייער לעבענס־שטייגער און עסן ווי זיי ווילן און וואס זיי ווילן. — מיר אבער די קינדער פון אברהם יצחק ויעקב, טארן נישט, צוליב יעדע, קליינע, צייטווייליקע הנאה פאראומרייניקן אונזערע בלוטן און זאמען. עס רוט אויף אונז א גרויסע פאראנטווארטלעכקייט.

אין דער פראגע פון השגחה.

צוואס דארפן מיר בכלל, אז ווער ס'זאל נישט זיין זאל אויפפאסן אויף דער כשרות?! זיינען דאך די, וואס זיינען אפנעהיטן און געווארנט

אין כשרות, סיי־ווי־סיי אפגעהיטן, — און די וועלכע פארנאכלעסיקן און באציען זיך מיט גרינגשעצונג, וועלן דאך סיי־ווי־סיי נישט פאלגן. טא וואס איז די גאנצע אנשטרענגונג פון השגחה נייטיק?!

דערויף קאן מען ענטפערן מיט א קליין מעשה׳לע: אין אמאליקע צייטן, אין די אלטע קליינע שטעטלעך פלעגט זיך פירן, אז יעדע נאכט פלעגן ארומגיין היטערס ארום דעם שטעטל און פון דעם טורעם פון שטעטל, פלעגט יעדע שעה אפקלונגען אן אויסרוף: איינס א זייגער! — צוויי א זייגער! — דריי א זייגער א. א. ז. וו. איז אמאל א גרויס־שטאטישער מענש אויסגעקומען איבערנעכטיגן אין אזא שטעטל, האט ער זיך שטארק געוואונדערט און געפרעגט: „צו וואס רופט איר און מאכט א געקלונגעריי אינמיטן דער נאכט? — די וואכענדיקע קענען דאך אליין זען ווי שפעט עס איז שוין און די פארשלאפענע, וואס קען זיי דאס קלונגען העלפען?

אויף דער פראגע האט מען דעם גרויסשטעטישן געענטפערט, יעס, טייערער פריינט, עס איז נויטווענדיק דאס רופען! — פאר די וואכענדיקע איז דאס רופן אן אנצוהערעניש אז די שומרים היטן און שטייען אויף דער וואך עס זאל נישט זיין קיין איבערפאל אויף דעם שטעטל. און פאר די פארשלאפענע דינט דאס קלונגען — א רוף און א דערמאנונג: פיללייכט האט איר נאך נישט דערפילט עפעס, וואס איר האט שוין פארשפעטיגט. וועקט אייך אויף, דערוואכט און שטייט אויף צו אייער ארבעט!!...

דאס זעלבע איז מיט דער השגחה דא אין אמעריקע. די משגיחים די שומרים, וועלכע שטייען אויף דער וואך, זענען ווי א רוף פון דערמונטערונג צו די אלע טרייע איבערגעבענע מסורת׳דיקע אידן. זיי זאלן וויסן, אז זיי זענען נישט אליין. און פאר די וואס זיינען שוין ר״ל פארכאפט געווארן אין דעם דרעמלניש פון דעם „מאדערנעם שטייגער פון לעבן״ דינט די השגחה, ווי ארוף צו תשובה, ווי אן אנקלאגע און אויפפאדערונג זיך צו דערמאנען נישט חלילה צו ווייט צו פארקריכן אין די חלומות פון אסימילאציע און מאדערניזם. א איד מוז וויסן וואס ער איז!...

„כי נר ה׳ נשמת אדם״! און אזוי לאנג ווי השם יתברך גיט אונז קראפט, אז דאס הימלשע פלעמעלע זאל ברענען און לייכטן אין אונז, אין יעדן איד, מוזן מיר זען און אויפפאסן, אז דאס פלעמעלע זאל זיין לויטער און איידל, אויף דעם שטיקל שפאן פון אונזער לעבן, לאמיר

אָפּהיטען דעם קערפּער פון אַלע אומווירדיקייטן וועלכע זענען געגן דער תורה. ווייל די אַלע מצוות פון אונזער הייליגער תורה זענען פאַר אונזער וואוילזיין און גליק, גייסטיקן און פיזישן, און וואויל און ליכטיק איז דעם וואָס פאַרשטייט דאָס, און וואויל און ליכטיק איז דעם וואָס גלויבט!...

אַלע אונזערע פיינט און פאַרלוימדער פון די אור־שפּרינגלעכסטע צייטן און די לעצטע צייטן, און אַלע זייערע פּרובן צו ברענגען אונז צום אונטערגאַנג, פלעגן ארויפוואַרפן אויף אונז מיט געוואַלט און צוואַנג זייערע באַפעלן. ווי אויך געשאַפן אַזעלכע באַדינגונגען מיר זאָלן מוזן חלילה פאַראומרייניקן אונזערע קערפּערס מיט מאכלות אסורות... א. א. ז. וו. אין זייער אונטערבאַוואוסטזין האָבן אונזערע פיינט געפילט, אַז אין אונזער אָפּגעהיטענקייט פון עסן, די אומווירדינ־קייטן ליגט באַהאַלטן דער סוד פון אונזער אייביקער עקזיסטענץ... אונזער גייסטיקע דערהויבנקייט! אונזער ספּעציפישע הייליגקייט און אומבאַזיגטקייט! צו וועלן מיר חלילה יעצט, ווען מיר האָבן דערלעבט צו אַזעלכע נסים גלוים ונסתרים... זיך אַליין חלילה אָפּזאָגן פון איינע פון אונזערע קאַרדינאַלסטע מיטלן פון דערהויבנקייט און עקזיסטענץ.

עס זאָגט אונז די תורה: „כי אני ה׳ אלוקיכם אשר הבדלתי אתכם מן העמים... והבדלתם בין הבהמה הטהורה... והייתם לי קדושים כי קדוש אני ה׳ ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי"...

איך בין דער אַלמעכטיקער אייער גאָט, וואָס האָט אייך אָפּ־געזונדערט פון די פעלקער. זאָלט איר אויך מאַכן אַ צווישנשייד צווישן די בהמה, וואָס איז ריין און די וואָס איז נישט ריין און הייליגע זאָלט איר מיר זיין, ווייל הייליק בין איך. און איך האָב אייך אָפּגעזונדערט פון די פעלקער איר זאָלט זיין צו מיר...

טייערע ברידער לעזער: לאָמיר זיך שטאַרקן און פאַרטיפן אין דעם באַדייט פון די אויבנדערמאָנטע ווערטער. לאָמיר זיך באַמיען צוריקברענגען דאָ אין אַמעריקע דאָס קדושה־געפיל, מיט וועלכן השי"ת האָט אונז באַשאָנקען און וועלכעס איז געווען אַזוי אָנערקענט אָנזעי־ענדיק אין די אַלע אַנדערע לענדער פון אונזערע, וואו מיר זיינען געווען ביז יעצט. אין די אַלע אַנדערע לענדער טראָץ אונזערע עקאָנאָמיש־פּאָליטישע, שווערע באַדינגונגען האָבן מיר זיך אַזוי הויך געהאַלטן מאָראַליש־רעליגיעז, אַז אפילו די גרעסטע פיינט אונזערע האָבן געמוזט צוגעבן דאָס מיר פאַרמאָגן אַזאַ מין „עטוואָס" ער־

האבענקייט, וועלכעס זיי קענען נישט דערגרייכן. און וואס זשע האט דא פאסירט מיט אונז אין דעם רייכן, פרייען, גאט געבענטשטן אמעריקע?!!

**איך קום פון רוסלאנד.**

איך קום פון רוסלאנד. ארום זיבן מיליאן אידן האבן דארטן געלעבט אונטער דער רוט פון די ראמאנאפס. אונטערן שווערן דרוק פון דער באגרענעצונג פון זייער מענטשלעך-בירגערלעכע רעכט, זיינען אונזערע ברידער געצוואונגען געווען טיילמאל צו פירן זייערע אונטערנעמונגען אויפן געביט פון האנדל, אינדוסטריע, ארבעט א. א. ז. וו. און געוויסע ריכטונגען, וואס האט אפט נישט אזוי געשטימט מיט דער אבסאלוטער מאראל... אום אנצוהאלטן זייער מאטעריעלע ביטערע עקזיסטענץ, האבן זיי טאקע אמאל, ווי דער פסוק זאגט: „על פת לחם יפשע גבר", איבער א שטיקל ברויט באגייט א מענטש אמאל פארברעכן, אבער — רוצחים, בלוט-פארגיסער, איינ-פאכע געננסטער, האבן אידן אין דעם לאנד נישט ארויסגעגעבן. דאס „געבאט" לא תרצח — זאלסט נישט מארדן האט געדארפט מיט זיין גאנצער קראפט זיין אין אלע שיכטן, אפילו אין די געפאלנסטע פון אונזער פאלק... וואס זעען מיר ליידער דא אין דעם לאנד פון גליק, פראספעריטי און „גוט-טיים". מיר האבן זיך דא זעהר שנעל אקלימאטיזירט און לויטן סטיל פון דער מדינה — האט מען זיך מיט א לייכט געוויסן אלאז געטאן צו די פארגעניגנס. עפענטלעך אן בושה, אפילו אויף „סעודות-מצוה" ווי בר-מצות „פדיון הבן" א. ד. ג. ווערט סערווירט טרפות ונבלות... און גלייכצייטיק מיט דעם דאזיקן צולאזנקייט און איבל איז די דערשיינונג פון אידישע נעמען אין די די פירענדע „בריינס" — מוחות פון דער אונטערוועלט פון מערדער און רויבער געווארן ווי א נאטירלעכע דערשיינונג!...

יא, די פאלגן פון לייכטזיניקן פארשמוצן זיך מיט נבלות וטרפות געגען וועלכע אונזער הייליקע תורה ווארנט אונז אזוי שטארק האט נישט פארשפעטיגט. יא, מיר געפינען שוין אידן צווישן די ערגסטע בלוט-פארגיסער מערדער און געננסטער, פארגוואלטיגער, עלטערן-מערדער... און עס איז א שאנדע דאס אלעס אויסצורעכנען...

איך קוק זיך צו צו די פנימער פון אונזערע ברידער: די

אפגעהיטענע אין מאכלות אסורות קענען זיך אויך אמאל נישט באהערשן און וועלן באליידיגן, זידלן באשמוצן איינער דעם אנדערן... אבער נישט צום מעסער... אבער רחמנא ליצלן די וועלכע שפייזן זיך מיט די אומווירדיקע טרפות ונבלות האבן שנעל איבערגענומען עשו'ס וועגן פאר'סם'ען, מארדן איז געווארן א גאנגבאר מיטל אין אלע געזעלשאפטלעכע און פאמיליערע באציאונגען... מיט דעם דאזיקן געדאנק וועגן אפהיטן די ריינקייט פון קערפער בכדי אים צו מאכן פעאיק אויפצונעמען די געטלעכע קדושה, געפינען מיר נאך ביי משה רבנו ווען ער איז געווען אין דעם קעסטעלע ביים נילוס און ווען פרעה'ס טאכטער די פרינצעסן האט גערופן אלערליי נוירסעס אנצוזייגן דאס קינד... האט ער דער קליינער משה נישט געוואלט זויגן ווייל זאגן אונז אונזערע חכמים: ער האט אין זיינע שפעטערע יארן געדארפט רעדן מיט דער שכינה דעריבער האט ער שוין קליינערהייט זיך געווערט געגן יעדער אומריינקייט... עס זאל חלילה נישט אריינקומען אין זיין בלוט שפייז פון די וואס געהערן צו דער אויסגעלאסענער זנות־אומה די מצרים...

און דעריבער האבן אונזערע חז"ל — די גייסטיקע ריזן אונזערע, וועלכע האבן פאראויסגעזען דעם שיקזאל פון אידישן פאלק, וועלכעס וועט זיך דארפן ראנגלן צווישן אסאך פעלקער אין אלע גלות'ן — זיי האבן אונז אויסגעארבעט א קאוד פון דינים און איסור והיתר, וואס מען מעג עסן און וואס מען טאר נישט. און אלעס בארוט אויף דער איבערצייגונג און אמונה אז נישט כשרה שפייזן פארטעמפט און פארפעסט דעם אידישן הייליקן געטלעכן גייסט...

און פיללייכט ווילט איר חשובער לעזער פרעגן א קשיה: מיר געפינען דאך אויך ביי די פעלקער פון דער וועלט, וועלכע שפייזן זיך מיט אט די אלע שפייזן וועלכע ווערן באטראכט דורך אונז פאר אומווירדיק און דאך וואקסן זיי גרויסע שטארקע און געזונטע?!

וועל איך דיר טייערער לעזער ענטפערן: קוק זיך צו אביסעלע מער מיט באטראכטונג, וועט איר אויסגעפינען, אז דער טייל פון די פעלקער, וועלכע לעבן דאס מגושם'דיקע לעבן און איז נישט איבער־קלייבעריש אין זייערע שפייזן, וואקסן טאקע אויס מעגלעך שטארק און קרעפטיק אין זייערע קערפערס — אבער זעהר נידריק און פארגרעבט אין זייערע זעעלן.

אמת... דער מער אריסטאקראטישער, אינטעליגענטער טייל

פון זיי, וועלכע זיינען יאָ איבערקלייבעריש אין זייער שפּייז און לעבן מער ווייניקער לויט די געזעצן פון היגיענע, אָבוואָל זיי וואַקסן נישט אויס אַזוי מעכטיק קערפּערלעך ווי דער איינפאַכער פויער און פּיללייכט וואַקסן זיי אויס צאַרט און מאַגער... אָבער פון זיי טאַקע רעקרוטירט זיך די גאַנצע אינטיליגענץ, די גייסטיקע פירער, די פילאָסאָפן, וויסנשאַפטסמענער און דיכטער, וועלכע באַקרוינען דאָס איינפאַכע פאָלק...

אַ היסטאָרישער פאַקט: אין די אַלע צייטן פון אונזערע גלות'ן זיינען מיר געווען צו שאַנד און שפּאָט אין די אויגן פון די גוים צוליב אונזער צוריקגעשטאַנענהייט אין אונזער קערפּערלעכן פאַרנעם און אויסזען — אָבער ווי הויך, מיט טויזנט קעפּ העכער זענען מיר געווען איבער זיי... טיף אין זייערע הערצער, האָבן זיי מיט אייפער־זוכט אונז נעהאַסט צוליב אונזער גייסטיקע ערהאַבענהייט און דאָס איז דאָך געווען איינע פון די סיבות צוליב, וועלכע מען האָט אונז פאַרפאָלגט...

און פּיללייכט וועט איר טייערע לעזער פרעגן: מיר געפינען דאָך אויך ביי די גוים איידעלע צאַרטע דענקער און פילאָסאָפן, פריידיגער פון גערעכטיקייט און ליבע, וועלכע דערמאָנען די ערהאַבענ־קייט פון אונזער תורה א. א. ז. וו.

אויף די פראַגע מוזן מיר אייך ענטפערן מיט אַביסל סימבאָליש־מיסטעריעזן ענטפער... די אַלע גייסטיקע ריזן, וועלכע געפינען זיך ביי זיי, די כמעט ווי פאַראַדישטע דענקער און טרוימער. די אַלע זענען אָפּשטאַמלינגען פון זייערע אור אורעלטערן, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דעם גרויסן באַל און סעודה, וועלכע אברהם אבינו האָט געפּראַוועט אין דעם טאָג ווען יצחק איז ענטוועהנט געוואָרן. די לעגענדען צו דער דאָזיקער סעודה אַלע קעניגן און פּרינצעסן מאַטראָנעס פון דער וועלט מיט זייערע קליינע זויגלינגען און שרה אונזער מוטער האָט זיי געדאַרפט אָנזויגן פון איר ברוסט. די אָפּ־שטאַמלינגען פון די וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער היס־טאָרישער סעודה, האָבן געהאַט דעם זכות געלייטערט צו ווערן אין לויף פון אַלע היסטאָרישע תקופות... אינסטינקטיוו אפילו נישט זייענדיק פון זרע אברהם, האָבן זיי זיך צוריקגעהאַלטן פון אַלע אומווירדיגקייטן וועלכע דאָס אידענטום באַטראַכט פאַר אומווירדיק... און דאָס האָט זיי דערנענטערט צום קוואַל פון קדושת ישראל. און פון

זיי שטאַמען אַלע חסידי אומות העולם שיש להם חלק לעולם הבא...
אויף די פסוקים אל תשקצו... (ויקרא י"ג).

שרייבט דער ספרא: אַזוי ווי איך ג-ט בין הייליק אַזוי זענט איר הייליק. אַזוי ווי איך בין אָפּגעזונדערט, אַזוי זענט איר אָפּ־געזונדערט א. א. ז. וו. — דער געדאַנק דערפון איז פונקט ווי אַן אויסמאָלער־מענטש דערווייטערט זיך פון אַ געגענשטאַנד, וואָס איז עקלדיק אין אויסזען און אין ריח, און אין זיין פאָרם, און די דערווייטערונג איז ווי אַ נאַטירלעכע רעאַקציע, אַזוי דאַרף יעדער איד ענטוויקלען אין זיך, דאָס עקעל־געפיל אין באַצוג צו אַלע פאַרבאָטענע אומווירדיקע לויט דער תורה, שפּייזן ווייל דאָס פאַר־אורזאַכט אַ פאַרפעסטונג פון אונזערע גייסטיקע פאַקולטעטן און נשמות.

אונזערע הייליקע מקובלים, די געלייטערטע און הייליקע מיס־טיקער אונזערע פון אַלע צייטן האָבן געשריגן און געקלאָגט אויף די אַלע וועלכע פאַראורזאַכן אַ גייסטיקע געפאַלנקייט דורך נישט אָפּהיטן די געזעצן פון מאכלות אסורים: אַזוי שרייבט דער זוהר הקדוש אין פרשת שמיני: „ווער עס עסט אַלע פאַרבאָטענע שפּייזן, דער קלעפּט זיך אין דער סטרא אחרא (אַן אויסדרוק וואָס באַדייט אַלעם וואָס איז אין הפך צו גוטס, ריינקייט ערלעכקייט און געטלעכקייט) אָך און וויי, ווי איז צו זייערע זעלען און דעריבער שטייט אין פסוק: ונטמתם בם. — ונטמתם, אָן אַן אלף, ווייל עס איז נישט קיין שום היילונג פאַר זייערע זעלען"...

און אָט אַזוי האָבן אַלע אונזערע, גרעסטע, הייליגסטע אָטאָ־ריטעטן, אויף די געביטן פון הלכה־געזעץ, אגדה — מאָראַלישער פאַרנונפט, פילאָסאָפיע א. א. וו. אין אַלע דורות די אַלע גבורים — וועכטער פון נאַציאָנאַלן הייליקן עקזיסטענץ פון אידענטום... אַלע שטייען זיי און פאָדערן און פאַרלאַנגען און בעטן זיך ביים אידישן פאָלק, אַז דער פרינציפּ פון אונזער קדושה און ריינקייט — דורך אָפּהיטן די געזעצן פון מאכלות אסורות זאָל שטרענג אָנגעהאַלטן ווערן. ווייל אין דעם שטעקט אַ כח, אונזער ספּעציפישע געטלעכקייט, וועלכע די השגחה האָט אונז באַשאַנקען צו זיין אַנדערש פון אַלע פעלקער און ווי אויך צו דינען פאַר זיי ווי אַ מוסטער פון איידלקייט און העכערע מענטשלעכקייט!

אַזוי האָט זיך געפירט אין אַלע דורות... ווילט זיך טאַקע

אויסשרייען: „צו ווען מיר דא די אידן אין אמעריקע, וועלכע געניסן דא פון אלע גאלדענע פרייהייטן פאליטישע און עקאנאמישע, צו וועלן מיר חלילה אוועקווארפן אזוי לייכטזיניק אט די אלע היסטארישע, געטלעכע אנווייזונגען, וועלכע זענען פאקטיש געזונט און גוט און פיל מיט גענאד פון ג־ט צו אונז?!!

טייערע ברידער, לאמיר זיך גוט באטראכטן און לאמיר צוריק איינפירן די ערהאבענע, גרויסארטיקע מצווה אין אונזערע הייזער, אין אונזערע פארוויילונגס פלעצער און אין אונזערע זאלן און פאלאצן. . .

פארוואס זאלן מיר ארויסרופן חלילה דעם צארן פון השי"ת אויף אונז, ווען ער איז צו אונז אזוי גוט, ספעציעל דא אין דעם לאנד אמעריקע?!!

די מיינונגען און פעסטשטעלונגען פון פארשידענע וויסנשאפטס־לער און מעדיצינער וועגן די נויטווענדיגקייט און גונסטן פון כשר'ע מאכלים פארן מענטשלעכן געזונט. אויך עטלעכע אפשריפטן פון די רעגירונגס־געזעצן אויפן געביט פון כשרות אין סטייט ניו־יארק.

איך וויל ברענגען א ציטאט פון א מעדיצינישן אויטאריטעט, וואס באשטעטיקט מיין גאנצע השקפה און וואס גיט א וויסנשאפטלעכע בארעכטיגונג, די דינים פון כשרות פון אונזער הייליקער תורה. צוליב דער וויכטיגקייט פון דעם ציטאט ברענג איך אים אויף דעם ארט אין זיין פולער גאנצקייט:

ווי די רבנישע השגחה איבער בהמות און עופות פארמיידט אסך קראנק און שעדלעך פלייש פון אריינגענומען ווערן אין די בוטשער־שאפס. דער שוחט באטראכט פארזיכטיק די אינגעווייידן פון יעדער געשאכטענער בהמה און ווארפט אפ אלץ וואס טראגט אויף זיך א חשד פון קראנקלעכקייט. ער איז בודק די לונגען פון יעדער בהמה צו עס איז ניט פאראן אין זיי שפורן פון טובערקולאזיס: ער באטראכט דאס הארץ און די אברים פון פארדייאונג סיי פאר קראנקהייט וועגן, געוואוקסען אדער איינגעשלונגענע זאכן, און ער דערקלערט אלע געשאכטענע בהמות, וואס זענען אנגעגריפן מיט אינפעקציע אדער חולאת פאר טריפה.

גאר א סך איבלען ווערן אויסגעראטן אט דורך דער השגחה אדער בדיקה. מיר דארפן זיין דאנקבאר פאר אט דעם געווינס און סאניטעט. וויפיל קראנקהייטן און אומגליק די נאכפאלגער פון כשרות מיידן אוים! דער לאנגער לעבנס־שפאן פון אידן קאן טיילווייז דער־

קלערט ווערן דורך דער שוץ וואס די סאניטארע און היגיענישע כללים פון דער תורה פארשאפט זיי. אונזער מאראלע, גייסטיקע, הויזלעכע און סאציאלע ריינקייט זענען אפשפיגלונגען פון אונזער קערפערלעכער ריינקייט. „ריין זאלט איר זיין פאר מיר" — איז דער אנזאג פונם חומש: און „ריין זאלט איר זיין פאר זיך אליין" — איז דער געבאט פון דער וויסנשאפט.

די ביבל פארזאגט אייך דאס געברויך פון בהמות, וואס זענען אומגעקומען פון קראנקהייטן. אזוי שנעל ווי א בהמה שטארבט פון וועלכער ס'איז קרענק, פארמירן זיך אין איר גוף אלערליי מיקראבן. כמעט אלע חולאת'ן אנטוויקלען זיך א דאנק מיקראבן. א חיה וואס שטארבט פון א קראנקהייט איז בלי־ספק אומפאסיק אריינגענומען צו ווערן אין א מענטשלעכן מאגן.

די טיפע חכמה פון דער ביבל ווערט קלאר פון דעם פריער געזאגטן. אירע דינים זענען געצילט אויסצומיידן קראנקהייטן און ס'איז גרינגער אויסצומיידן קראנקהייט ווי זי צו קורירן. די ביבלישע פארשריפטן זענען אין איינקלאנג מיט דער מאדערנער סאניטעט און הארמאנירן מיט די כללים פון דער היינטצייטיקער היגיענע. די ביבל איז א פארלויפערין פון די מאדערנע סאניטארע וויסנשאפטן! (זשורנאל פון דער אמעריקען מעדיקאל אסאסיאיישאן 1904).

אין לעצטן יאר איז פארגעקומען אין אטלאנטיק סיטי די 34טע יערלעכע דאקטוררים־קאנווענשן אין וועלכע עס האבן זיך באטייליגט ארום 3000 דאקטוירים פון גאנץ אמעריקע. איינע פון די טעמעס, וועלכע איז באהאנדעלט געווארן אויף דעם קאנווענשן איז געווען די פלו־קראנקהייט. מיר אלע געדענקען נאך די שרעקלעכע עפידעמיע פון דער פלו אין יאר 1918, וועלכע האט דא אומגעבראכט צענדליגע טויזנטער מענטשן. זינט דאמאלט ווערן געמאכט אין דער מעדעצינישער וועלט די גרעסטע אנשטרענגונגען צו ענטדעקן דעם ווירוס פון דער קראנקהייט ווי אויך צו געפינען מיטלען צו באקעמפען דעם ווירוס. ווי אויך מיטלען צוריק אויסצושטעלן די פארקריפלטע כמעט פארא־ליזירטע מענטשן די קרבנות פון דער קראנקהייט.

דר. טאמאס פראנסוס, פראפעסאר אין אוניווערזיטעט פון מישיגנען, האט רעפערירט אויף דער טעמע. — און אט וואס: קיין געניע, פעסטגעשטעלטע דערגרייכונגען וועגן די סבות פון דער קראנקהייט, זיינען נאך נישט פאראנען. אבער איין זאך איז קלאר,

אז דער אינזעקט וועלכער פארשפרייט אממייסטן די דאזיקע קראנק-הייט, געפינט זיך איבערהויפט אין חזיר-פלייש...

אלזא, מיר האבן דא אן „אנדעקונג״, וועלכע אונזער הייליקע תורה האט שוין מיט טויזנטער יארן צוריק אונז געווארנט וועגן איר... מיר זיינען דאך שטרענג געווארנט געווארן, נישט צו האבן קיין מגע ומשא מיטן חזיר. — און מיר ווייסן וואויל ווי טיף עס איז דער אידישער, היסטארישער איבל-געפיל פארן חזיר... אמת, אונזער עקל-געפיל צום חזיר, קומט אמייסטן איבער זיין עקלדיקן אויסזען און אפשטויסנדיקע אומגעבונג פון חזיר. אבער דאך האט אונז דער דאזיקער אנטוויקלטער און טויזנטער יארן אין אונז, אינסטינקט געשיצט פון קראנקייטן, וועלכע אונזער אמת׳ער דאקטער, השם יתברך האט אונז פארגעשריבן אין זיין הייליקער תורה.

אין דעם ליטערארישן-אילוסטרירטן מאגאזין אונטערן נאמען „קאליערס״, וועלכער איז פארשפרייט אין אמעריקע אין די מיליאנען, איז אין דער אויסגאבע פון יולי 1940 דערשינען זעהר א פאזיטיווע אפשאצונג איבער א בוך פון איינעם מירטל הוקער, אין וועלכן עס ווערט באשטעטיקט וויסנשאפטלעך-סטאטיסטיש, אז דער לעבנס-שפאן פון די רעליגיעזע אידן אין אמעריקע, וועלכע זיינען אפגעהיטן אין די געזעצן פון איסור והיתר, איז מיט 20% לענגער ווי דער דורכ-שניטליכער לעבענס שפאן פון אנדערע אמעריקאנישער בירגער.

## אלזא, פאקטן וואס רעדן פאר זיך אליין!

אין דעם בוך, „שפייז און כאראקטער״ 1932, פון דר. לויס בערמאן אין ניו-יארק-טיימס פון מאי 10טען, איז דערשינען זעהר אן אינ-טערעסאנטער איבערבליק, אין וועלכן דר. בערמאן, דער באקאנטער וויסנשאפטסמאן, לייגט פאר, אז די אנווייזונגען וועגן געזונטע און אומגעזונטע שפייזן דארפן געלערנט ווערן צום פאלק דורך די גייסטלעכע פון אלע רעליגיאנען, ווייל דאס פאלק באציט זיך נאך אלץ צו זיי מיט פארטרויען און רעספעקט. דער אויספיר פון דעם אויבנדערמאנטן איבערבליק איז, אז עס איז קיין צווייפל דערין דאס די שפייז באווירקט דאס פארמירן פון כאראקטער און די מאראליטעט פון יעדן מענטשן.

אין דעם ניו יארק טיימס פון 18טען מאי 1952 איז געדרוקט א

באריכט אז מר. פארד שלאגט פאר, אז די גייסטלעכע דארפן לערנען דאס פאלק וועגן דיעטע, צוליב דער ווירקונג פון עסן אויף דעם מאראל און כאראקטער פון מענטשן. („פון דער קארעקטור" — לואי בערמאן).

דר. ראיאל ס. קופלאנד העלט קאמישיאנער אף ניו יארק, באש־טעטיקט אן שום יעדן שאטן פון צווייפל, אז אונזער גאנצע וועזענטלעכ־קייט, די פסיכיש־מאראלישע, ווערט אויסגעוועבט און געשאפען נאר לויט דער קוואליטעט פון שפייז, וועלכעס מיר נעמען אין זיך אריין. און ער דעפינירט זיין אנשויאונג אין פארם פון אן עפיגראם.

**זאג מיר, וועלכע זיינען דיינע שפייזן,**
**וועל איך דיר דיין כאראקטער גלייך אנווייזן.**

---

## די שטאט־געזעצן וועגן כשרות.

קאפיטעל 284

א געזעץ צו איבעראנדערשן דעם שטראף־געזעץ אין פארבינדונג מיט דעם פארקויף פון כשר שפייז.

אנגענומען געווארן אלס געזעץ דעם 24טען מאדטש, 1927, מיט דער צושטימונג פון גאווערנאר. דורכגעגאנגען אין דער אנוועזענהייט פון דריי פינפטל פון די קאנגרעסלייט.

די באפעלקערונג פון דעם סטייט פון ניו יארק פארטראטן אין סענאט און אסעמבלי, האבן באשטימט פאלגענדע געזעצן:

פאראגראף 1, אפטיילונג 435ב און 335ב פון די שטראף־געזעצן ווערט דערמיט איבערגעאנדערשט אויף דעם פאלגענדן אופן:

פאראגראף 435ב. ד ע ר פ א ר ק ו י ף פ ו ן כ ש ר פ ל י י ש א י ן ר ע ס ט א ר א נ ע ן. א פערזאן וואס וועט מיטן צוועק צו באשווינדלען פארקויפן אדער ארויסשטעלן צו פארקויפן אין א רעס־טאראנט אדער וועלכן אנדער פלאץ וואו מען פארקויפט שפייז־פראדוקטן, אן עסן־ארטיקל, יעדן שפייז ארטיקל אדער צוגרייטונג פון שפייז אנגעבן דאס אלס כשר אדער אז עס איז פארברייטעט

געוואָרן לויט די אָרטאָדאָקסישע־אידישע רעליגיעזע פאָדערונגען, סיי ביי דירעקטע סטייטמענטס, מינדליכע אָדער געשריבענע, סיי מיט דער אַרויסשטעלונג פון דעם וואָרט „כשר" אין ענגלישע און העברע־אישע אותיות, און סיי ביי אַרויסשטעלן אַ סיין אָדער סימן אַלס צייכן פון אַזאַ וואָרט, אָדער ביים אַרויסשטעלן אַ מאַרק, אַ מגן דוד אָדער וואָסער עס איז ניט צייכן וואָס קען לייכט פאַרפירען און מאַכן גלויבן דאָס די שפייז וואָס ווערט דאָ פאַרקויפט איז כשר אָדער עס ווערט פאַרבאַרייטעט לויט די אָרטאָדאָקסיש־אידישע רעליגיעזע דינים; אָדער ער פאַרקויפט, אָדער שטעלט אַרויס צו פאַרקויפן אין אַ רעס־טאָראַנט אָדער אירגענד אַנדער פלאַץ כשר און ניט כשר שפייז, אָדער שפייז וואָס איז ניט פאַרבאַרייטעט געוואָרן נאָכ'ן אידישן דין, אָדער וואָס איז ניט ערלויבט לויט די אידיש־אָרטאָדאָקסישע פאָדערונגען, און ער שטעלט ניט אַרויס אויפ'ן פענסטער אַ סיין מיט בולט'דיגע אותיות, לכל הפחות פיר אינטשעס הויך כשר'ע און ניט כשר'ע שפייז ווערט דאָ סערווירט", זאָל ווערן געפונען שולדיג אין אַ „מיסדעמינאָר" (שלעכט־אויפפירונג).

פאַראַגראַף 2. דער דאָזיגער געזעץ זאָל גלייך אַריין אין קראַפט.

די שטאַאַט פון ניו יאָרק,
דעפּאַרטמענט פון שטאַאַט

איך האָב פאַרגליכן דעם פאָרליגענדן געזעץ מיט דעם אָריגינעלן און באַשטעטיג דאָ, אַז דאָס איז ריכטיגע קאָפּיע פון דעם אָריגינעלען געזעץ.

ראָבערט מאָזעס,
שטאַאַטס־סעקרעטאַר

---

## קאַפּיטעל 580

## געזעץ פון 1922

סעקשאָן 435אַ. דער פאַרקויף פון כשר'ע פליישן און פאַרבאַ־רייטונגען פון פלייש־שפייז.

אַ פערזאָן וואָס וועט מיט'ן צוועק צו באַשווינדלן פאַרקויפן אָדער אַרויסשטעלן צו פאַרקויפן פלייש אָדער פלייש שפייז און אָנגעבן פאַלש אַז דאָס זיינען כשר, סיי אַזעלכע פלייש שפייז וואָס

זיינען רויהע און סיי אזעלכע וואס זיינען פארטיג צום עסן, אדער וואס זיינען צונעגרייט געווארן פון פראדוקטן וואס זיינען לויט די ארטאדאק־סיש־אידישע רעליגיאן כשר; אדער ער גיט אן פאלש יעדע שפייז־פראדוקט, אדער שפייז וואס זיינען באשטעטיגט און פארברייטעט אלס כשר און האבענדיג די ערלויבניש ארויפצושטעלן דעםווארט „כשר" אין וואסער עס איז שפראך; אדער פארקויפט אדער שטעלט ארוים צום פארקויף כשר'ע און נים כשר'ע פלייש־שפייז, רויהע אדער פארטיגע און צייגט נים אן אויפ'ן פענסטער מיט א סיין אדער אן אנדער סארט מודעה אין בולט'דיגע אותיות, לכל־הפחות פיער אינטשעס הויך דאס דא ווערט פארקויפט כשר'ע און נים כשר'ע פלייש, אדער וועלכער שטעלט ארוים צו פארקויפן אין אן אוים־שטעלונג־פענסטער אדער ביזנעס־פלאץ כשר'ע און נים כשר'ע פלייש־שפייזן, רויהע אדער פארטינע, און לאזט נים וויסן מיט א סיין אין בולט'דיגע אותיות, לכל הפחות, פיר אינטשעס הויך, וועלכע איז כשר'ע און וועלכע איז נים כשר, זאל געפונען ווערן שולדיג אין א „מיסדעמינאר" (שלעכט־אויפפירונג).

פאראגראף 2. דער דאזיגער געזעץ זאל אריין אין קראפט דעם ערשטן סעפטעמבער, 1922.

---

## געזעצען פון ניו יארק

### קאפיטעל 581 געזעצען פון 1922.

סעקשאן 435. פאלשע לייבעלס און מיסרעפרעזענטירען אין פאר־קויף פון שפייז.

א פערזאן מיט דעם צוועק צו באשווינדלען:

1. ער לעגט ארויף אויף אן ארטיקל פון סחורה אדער אויף א פאס, א פלאש, שטאפיק, כלי, קעסטעל דעקעל ראפער פאקעט בענדעל, טיקעט, לייבעל אדער אן אנדער זאך, וואס ענטהאלט און פארדעקט אזא ארטיקעל, אדער מיט וועלכע אזא מין ארטיקעל זאלען ווערען פארקויפט, אדער איז פארקויפט, יעדע פאלשע אנגעבונג אדער אן אנדער סארט אנווייזונג וואס אנבאלאנגט דעם סארט, נומער, קוואנטיטעט, וואג אדער מאס פון אזא מין ארטיקעל אדער א חלק

פון דעם, אָדער דעם פּלאַץ און די לאַנד וואו עס איז פאַבריצירט און פּראָדוצירט געוואָרן, אָדער די קוואַליטעט אָדער די גרייד פון יעדן סאָרט אַרטיקעל, אויב די קוואַליטעט אָדער גרייד מוז נאָכ'ן געזעץ ווערן אָנגעצייגט מיט אַ זיעגל אָדער וואָסער עס איז צייכן פון אַרטיקעל; אָדער

2. פאַרקויפט אָדער שלאָגט פאָר צו קויפן אַן אַרטיקעל וואָס איז לויט זיין וויסן פאַלש אָנגעגעבן אָדער אָנגעצייגט אויף אַזאַ מין *פּעקעל אָדער כלי וואָס ענטהאַלט דאָס זעלבע, אָדער אַרויפגעקלעפּט דעם לייבעל אויף דעם, אויף אַזאַ אופן וואָס איז אויבן דערמאָנט, אָדער*

3.פאַרקויפט אָדער שטעלט אַרויס צו פאַרקויפן וואָסער סחורה עס איז אויף וועלכן עס איז ניט אַ נאָמען אָדער טרייד־מאַרק, וואָס פּרעזענטירט אויף וואָסער אופן עס איז דאָס די סחורה איז פאַבריצירט אָדער פּראָדוצירט, אין אַזאַ פאַל וואו די שטראָף פאַר די שולד איז ניט ספּעציעל באַשטעטיגט נאָכ'ן געזעץ, אָדער

4. פאַרקויפט אָדער שטעלט אַרויס צו פאַרקויפן פלייש־שפּייז און גיט אַן פאַלש אַז עס איז כשר, אָדער פאַרבאַרייטעט פון אַ פּראָדוקט און אויף אַן אופן וואָס איז ערלויבט נאָך די אָרטאָדאָקסיש־אידישע רעליגיעזע פאָדערונגען; אָדער גיט פאַלש אַן יעדע שפּייז־פּראָדוקט אָדער די ענטהאַלטונג פון אַ פּעקעל אָדער אַן אַנדער כלי, אַז עס איז אַזוי פאַרברייטעט געוואָרן דאָס עס איז ערלויבט אַרויפצושטעלן דעם וואָרט „כשר" אין וואָסער שפּראַך עס איז, אָדער פאַרקויפט אָדער שטעלט אַרויס צו פאַרקויפן אין דעם זעלבען ביזנעס־פּלאַץ כשר'ע און ניט כשר'ע פלייש אָדער פלייש־שפּייז, און צייגט ניט אָן אויף זיין פענסטער סיינס און אַנדערע מודעות אין בולט'דיגע אותיות, לכל הפחות פיער אינטשעס הויך, אַז דאָ ווערט פאַרקויפט כשר'ע און ניט כשר'ע פלייש; אָדער וועלכער שטעלט אַרויס צום פאַרקויפן אין אַ פענסטער אָדער ביזנעס־פּלאַץ כשר'ע און ניט כשר'ע פלייש, אָדער פלייש־פּראָדוקטן, און שטעלט איבער זיי אַרויס אַ סיין מיט בולט'דיגע אותיות, לכל הפחות פיער אינטשעס הויך „כשר'ע פלייש" און „ניט כשר'ע פלייש", לויט דעם פאַל.

זאָל ווערן געפונען שולדיג אין אַ „מיסדעמינאָר" (שלעכט־אויפפירונג) (אַמענדירט ביי די געזעצן פון 1915, קאַפּיטעל 233; געזעצן פון 1922, קאַפּיטעל 581, אריין אין קראַפט דעם 11טען אַפּריל 1922).

איי͏ניקע דינים און קורצע פאפולערע אנווייזונגען אויפן געביט פון שחיטה, ניקור־טרייבערן, טרפות, מליחה — זאלצן און ווייקן פלייש. בשר בחלב. —מילכיק און פליישיק; תערובות — פאלן ווען שפּייזן כשר׳ע און נישט כשר׳ע ווערן פארמישט א. א. וו. כדי מען זאל נישט חלילה געשטרויכלט ווערן אין אן עברה, און זען איבערהויפּט, אז דאס פלייש, וואס מיר עסן זאל זיין פּאסיק און צוגעגרייט לויטן דין פאר ישראל עם קדושים.

---

## ש ח י ט ה .

**אַ באַמערקונג:** מיר מאכען אויפמערקזאם אז די דאזיקע זער קורצע און פאפולערע דינים אין איסור והיתר, וועלכע מיר ברענגען דא ארויס זענען נישט געשריבן געוואָרען פאר די שוחטים, וועלכע זענען לומדים יראים ושלמים נאך פון דער אלטער היים... אונזער צוועק איז בלויז פאר די וועלכע געפינען זיך אין די קליינע שטעטלעך און זייער צוגרייטונג צו דער מלאכת־הקודש איז געווען א שנעלע און אויבערפלעכלעכע... דאס לייענען די דאזיקע דינים וועט זיי מאכן פארטיפן זיך מער און אריינקוקן אין די מקורות, יורה דעה א. א. וו. אויך זענען די דאזיקע דינים בלויז פאר מענטשן, בעלי בתים, וועלכע ווילן האבן אן אלגעמיינעם, זאל זיין אויבערפלעכלעכן באגריף אין איסור והיתר...

ביים צוגרייטן די בהמה אדער דאס עוף צום שחטן, דארף מען זיין זעהר געווארנט נישט צו פארשאפן חלילה דאס באשעפעניש קיין שום אומנייטיקן צער, צום ביישפּיל: ביים צובינדן די פיס, אדער קאפּ — אדער צופרעסן די אינוויניקסטע גלידער א. א. וו. מיר דארפן געדענקן, אז ביז די לעצטע מינוט האט דאס באשעפעניש אלע שטרענגע רעגולאציעס וואס איז נוגע א לעבעדיקע עקזיסטענץ, אין קיין פאל, אדער אומשטענדן טאר מען נישט פייניקן א לעבעדיק באשעפעניש. צער בעלי חיים דאורייתא — עס איז אן איסור פון דער תורה, נישט צו פארשאפן קיין צער א בעל־חי.

עס איז די פליכט פון יעדן שוחט, אדער מנקר זיך צו שטארקן דורך זעלבסט־קאנטראל און חשבון הנפש אין דער מדה פון יראת

שמים — גאטספארכטיקייט, ער דארף וויסן, אז פיל, פיל פון די הייליקסטע פרינציפן אויפן געביט פון מאכלות אסורים ווענט זיך אין זיין פערזענלעכקייט צו וועלכן דאס פאלק באציט זיך מיט צוטרוי. און קיינער נישט נאר הקדוש ברוך הוא אליין ווייסט די אמת׳ע ערלעכע, פארלעסלעכע אויפירונג פון א מענטש... און אויף אזעלכע זאכן, וואו א מענטש קען זיך חלילה פארשטעלן און ווירקן ווי א ירא-שמים, און ער איז נישט, — ווערט עס שטרענג, פיל געווארנט אין דער תורה: „ויראת מאלקיך" — דו זאלסט מורא האבן פאר גאט, ווייל איך ווייס דיין הארץ און דיין אויפפירונג!...

אלע דינים און פארשריפט פון שחיטה זענען אונז איבערגעגעבן געווארן פון משה רבנו, מען ברויך זיין געווארנט, נישט צו שחט׳ן גענגנאיבער פלעצער, וואו עס געפינען זיך געשטאלטן פון עבודה זרה — געצנדינעריי.

מען טאר נישט אין זינען האבן, אדער ארויסזאגן מיטן מויל, אז מען שחט די בהמה, אדער עוף פאר א קרבן, אדער קדשים פאר ג-ט...

דער שוחט דארף זיין זעהר געווארנט אפצוהיטן דאס מעסער מיט וועלכן ער שחט, עס זאל זיין כשר כדת וכדין אן די קלענסטע פגימה חלילה און דאס פאדערט גרויסע אויסבילדונג און איידעלען געפיל בודק זיין דאס מעסער צו יעדע צייט. עס איז די פליכט פון שוחט צו ווייזן דעם רב דאס מעסער אויף יעדן פארלאנג פון רב.

מ׳דארף ווארענען און געדענקן שטענדיק אפצושווענקען דעם בית השחיטה דאס פלאץ אויפן האלז וואו מען שחט.

מען מעג שחטן נאר ביים שיין פון טאג, אדער ביינאכט, ווען א פלאם מיט גענוגענד ליכט באלייכט דאס אדורכפירן די שחיטה.

יונגע טשיקן מעג מען שחט׳ן גלייך, ווי עס ווערט געבוירן מיטן באדינג, אז עס איז שוין באדעקט מיט פעדערן, ווען עס איז נאך ווי נאקעט, טאר מען נישט שחט׳ן.

מען טאר נישט שחטן א בהמה א מוטער צוזאמען אין דעם זעלבן טאג מיט איר קאלב.

גלייך נאכן שחט׳ן דארף מען זעהן צו די בהמה, אדער עוף, האבן א צאפל געטאן, אויסשטרעקענדיק און צוריק-איינציענדיק אין קרעמפן די פיס אדער פליגעל...

אויב מען האט גע׳שחט׳ן א מסוכנת — זעט אויס ווי געפערלעך

קראַנק און נאָך דער שחיטה איז נישט געווען דער פּרכוס — דער צאַפּל, איז דאָס נבלה און מען טאָר נישט עסן.

דאָס בודק זיין דאָס מעסער, דאַרף זיין מיטן נאָגל. דער שוחט דאַרף האָבן זעהר אַ סובטעל געפיל ביים בודק זיין דאָס מעסער. בודק זיין דאַרף מען פאַר דער שחיטה און נאָך דער שחיטה.

נאָכן מאַכן די ברכה אשר קדשנו... על השחיטה, קען ער דער שוחט מיט דער זעלבער ברכה שחט'ן פיל בהמות, אָדער עופות. און מען דאַרף זיך שטאַרק באַמיען נישט מאַכן קיין איבעררייס אין דער ווערט פון דער ברכה דורך איבריקע רעדן א. ד. גל.

ווען מען שחט אַ חיה, אָדער אַן עוף, דאַרף מען צודעקן דאָס בלוט מיט ערד און מאַכן אַ ברכה אשר קדשנו... על כיסוי דם בעפר.

דער ריכטיקסטער פּלאַץ פון שחיטה איז אין מיטן פון האַלז און איןביידע סימנים, דער קנה — די לופט רויר און דער וושט — שפּייז רויר. ביים שחטן עופות איז גוט פריער צוגרייטן די ביידע סימנים זאָלן זיין אוי'ן פּלאַץ נישט פאַררוקט איבערשניידן דאַרף מען אמווייניקסטן דעם רוב — דעם גרעסטן טייל פון ביידע סימנים. ביי עופות איז געגוג מיטן איבערשניידן דעם רוב פון איין סימן.

די לונג האָט צוויי זייטן. פון דער רעכטער זייט טיילט זיך אָפּ דריי קליינע לונגען און איין גרויסע לונג, וואָס ווערט אָנגערופן „אומה" פון לשון מוטער, ווייל זי איז די גרעסטע און פון איר ווערן די לונגען פאַנאַנדערגעטיילט. פון דער לינקער זייט שיידן זיך צוויי לונגען און איין מוטער־לונג פאַנאַנדער, און די אַלע לונגען האָבן דעם אויסזעהן פון אויערן.

אין דער רעכטער זייט געפינט זיך אַ קליין לונגעל מיט אַ בייטל וואָס הייסט „עינונותי דוורדא" (דער גנב). זי האָט אַ בייטל און ליגט אַ ביסל ווייטער, אָפּגערוקט פון דעם פאָדערשטן טייל און בשעת די בהמה הענגט אויף איהרע פיס און איהר אינגעווייד זיינען געגן שוחט, קומט די רעכטע זייט פון דער בהמה אויס געגן די רעכטע האַנט פון שוחט, און נאָכ'ן קוילען, ווען מען נעמט די לונג אַרויס, קומט אויס פאַרקערט. די רעכטע זייט פון לונג, ד. ה. די דריי קליינע לונגען („אונות") איז בשעת זיי הענגען זיינען זיי צו דער לינקער האַנט פון טרייבערער, און די צוויי לונגען וואָס זיינען פון דער לינקער זייט פון דעם וואָס איז בודק, קומען אויס אַנטקעגן זיין רעכטער האַנט.

דער סדר פון דער ריאה קומט אויס אַזוי דאָס די „אומות"

ליגן אין דער הויך און די „אונות" אונטן, פון ביידע זייטן, דער רעכטער און דער לינקער, און אויב עס ליגט פארקערט, ד. ה. די „אומות" ליגן אין דער הויך ביז'ן האלז און די „אונות" אונטן צו דער זייט פון די נירן, קען מען מצרף זיין.

אויב די לונג, די „אונות" און „אומות" וואס שלעפן זיך נאך דעם גארגעל, די ברוסט אדער נאך די פעטס פון הארץ צום כיס אדער צו די מחיצה פון הארץ, ברוסט אדער פון „גנב" וואו די מחיצה פון הארץ אדער פון די רעהרן וואס געהן אדורך די צוויי בייטען אדער דעם הארץ-רעהר, אדער די פעטס פון די רעהרן, אדער דעם לעבער, איז דאס געווים א סרכא און דער שוחט וואס האט די דאזיגע בהמה געקוילעט האט איר געווים ניט בודק געווען, ווייל די מערסטע שוחטים זיינן זעהר פארזיכטיג. יעדער שוחט וויסענדיג דאס מען פארלאזט זיך אויף אים, איז זעהר פארזיכטיג, איז שטארק מקפיד און גיט גוט אכטונג דאס אזא זאך זאל ניט פאסירן.

לייכטע סרכות וואס ווערן מיט א ריהר פון האנט לייכט צושמאלצן, ווערן אנגערופן ריכין (שפייערכץ), און ברויכן ניט קיין בדיקה. דאס איז אבער בנוגע גסות, אבער יונגע ציגן, שעפסן און קעלבלאך, אפילו די סרכות זיינן זעהר ווייך און ווערן צוריבן, איז טריף, צוליב דעם וואס זיי זיינען זעהר יונג האבן זיי ניט קיין סרכות, און אויב מען געפינט יא איז דאס אן אמת'ע סרכא און עס העלפט ניט דער טאפן, דריקן און רייבן.

מען איז זיך נוהג צו אסר'ן קעלבלאך ביז א יאר אלט, יונגע ציגן און שעפסלאך, ביז ראש-השנה.

בנוגע צו מען מוז די לונג ארויסנעמען אויך דאן ווען עס איז קיין ריעותא ניטא, איז דא א מחלוקת הפוסקים, און מען איז אומעטום זיך נוהג צו מחמיר זיין ארויסנעמען די לונג יעדעס מאל אפילו ווען אינווייניג איז קיין שום ריעותא ניטא.

דער נאמען ריאה אליין וואס קומט פון רואה (זעהן), באווייזט דאס דער שוחט מוז די לונג גוט נאכזעהן, און גוט אכטונג געבן קען מען נאר ווען מען נעמט איר ארוים אין דרויסן.

אויב דער משגיח אדער דער קצב געפינען אויף דער ריאה א שטיקל ריעותא, מוז מען איר ברענגען צום מרא-דאתרא (דער רב פון שטאדט, אדער מורה-הוראה), ווייל דער שוחט האט דעם דאזיגן לונג געווים ניט בודק געווען.

## די הויפט הלכות — פּרינציפּן — געזעצן, פו שחיטה, וועלכע מאַכן די שחיטה נישט כשר, זענען פאָלגענדע:

**שהייה: פּאַרזאַמען.** דאָס הייסט, אז דאָס אדורכפירן די שחיטה, דאָס אָפּשניידן די סימנים אויפן האלז פון באַשעפעניש, מוז זיין מיט דער גרעסטער שנעלקייט און פלינקייט, אָן דער קלענסטער פּאַרזאמונג. און אויב עס איז געמאַכט געוואָרן דער קלענסטער אָפּשטעל ביים פירן מיטן מעסער אהין אָדער אהער, איז — טרפה.

**דרסה — דערוואָרגן:** דאָס מיינט אז דער שוחט האָט נישט געפירט מיטן מעסער לייכט און פלינק אהין און אהער פון זיך און צו זיך, נאָר ער האָט מיטן מעסער אַ פּרעס געטאָן אויף איין אָרט און איבערגעהאַקט די סימנים — איז טרפה.

**חלדה — אונטערשטרייכן:** אָדער אונטערגראָבן. אויב מען שטעקט אריין דאָס מעסער אונטער דער הויט, אָדער צווישן די סימנים בכדי איבערצושניידן די **סימנים — טרפה,** דעריבער איז מען זיך נוהג ארומצופליקן אביסל ביי עופות די פעדערן אויפן פלאַץ וואו מען שחט, און אויך ביי שעפּסן, וואָס האָבן געדיכטע האָר אויפן האלז.

**הגרמה:** אויב דער שוחט איז געגאַנגען מיטן מעסער עקסטרעם אוועק פון צענטראלן פלאַץ אויפן האלז, וואו מ׳דאַרף שחט׳ן, אין דער ריכטונג ארויף צום קאָפּ, אָדער אַרונטער צום בויך, — אפילו ער האָט אָנגעהויבן אין מיטן ריכטיק און איז אוועק עקסטרעם — טרפה.

**עיקור:** אויסרייסן — ווען דאָס מעסער איז ניט גלאַט, אָדער ווען דאָס באַשעפעניש, ווערט זיך און מאַכט אַ פאַרצווייפלטן אָנשטרענגונג מיטן האלז, דאַן קאָן זיין אַז די סימנים: דער קנה, אָדער וושט רייסן זיך אָפּ פון זייער באַהעפטונגס-פלאַץ אויבן ביי די באַקן און אַנשטאָט צו ווערן ריכטיק איבערגעשניטן, ווערן זיי ארויסגעריסן — **טרפה.**

נאָכן שחט׳ן דאַרף מען זעהן צו ס׳איז כשר געשחט׳ן געוואָרען. ביי אַ בהמה דאַרף דער שוחט אריינברענגען זיין האַנט אין בית השחיטה, דאָס מיינט אויפן פלאַץ, אויפן האלז, וואו די שחיטה איז פאָרגעקומען

און ביי עופות איז תוקף אגודל על שיפוי כובע — דאָס מיינט, ער פרעסט מיטן גראָבן פינגער (אויפן פלאַץ, וואָס האָט אַ פאָרם ווי אַ היטעלע), וואו עס ענדיקט זיך דער קנה ביים קאָפּ... און די סימנים ווערן ארויסגעוואָרפן און מען קען גלייך זעהן צו זיי זענען געוואָרן איבערגעשניטן א. א. וו.

ביים צודעקן דאָס בלוט פון חיה, אָדער עוף דאַרף מען פריער אונטערלייגן ערד און פון אויבן צודעקן מיט ערד, דאַן מאַכן די ברכה על כיסוי דם.

אויב מ'האָט געשחט'ן (אַ חיה, אָדער עוף) און נישט צוגעדעקט דאָס בלוט, איז די שחיטה (בדיעבד — שוין אָפּגעטאָנערהייט) כשר. און ווען אַן אַנדערער מענטש זעט דאָס, דאַרף ער צודעקן.

די מצווה פון כיסוי הדם, קען געמאַכט ווערן דורך אַ שליח, אָדער מען קען מכבד זיין עמיצן מיט דער מצוה.

דאָס צודעקן דאַרף זיין מיט ערד, אָדער מיט יעדן שטאָף אין וועלכן מען קען פלאַנצן זוימן און זיי וועלן וואַקסן. מען קען אויך צודעקן מיט אש.

אויב מען האָט געשחט'ן און מ'האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז עס איז טרפה, איז מען פטור פון כיסוי...

---

# ניקור—טרייבערן

אַזוי, ווי עס איז אוממעגלעך צו לערנען די דיני־ניקור, בלויז אַבסטראַקט פון אַ ספר, נאָר מ'דאַרף זיך פראַקטיש איינקוקן און איבן זיך, דערין ממש (אַזוי ווי עס ווערט געברענגט אין הגהות הרמ"א יורה־דעה ס"ה) און עס האָבן טאַקע אַסאַך פון די לעצטע מחברים אויפן געביט פון ניקור באַציערט זייערע ספרים מיט פאַרשידענע בילדער בכדי דער לייענער זאָל בעסער פאַרשטיין, האָב איך (ה. מ.) נאָר צוגעשטעלט עטלעכע מער גענויערע בילדער, וואָס ווייזן פינקטלעך, צו דאָס טרייבערן איז פולשטענדיק און גוט אַדורכגעפירט געוואָרן.

די הויפּט אַרבעט פון טרייבערן צעטיילט זיך אין דריי ריכטונגען:
1) דער חלק הפנים — דער פאָדערשטער טייל. 2) דער חלק אחוריים —

דער אונטערשטער טייל פון דער בהמה. 3) אברים הפנימיים — די אינערלעכע טיילן פון דער בהמה.

אין די דאזיקע ארבעט פון טרייבערן קומט אונז צו פארהיטן, אז מיר זאלן נישט חלילה געשטרויכלט ווערן אין די איסורים פון חלב, דם, און גיד הנשה.

וועלכער חלב איז אסור על פי קבלה מדאורייתא? — וואס קוקט אוים ווי אנגעזעצט באהיילט און ס׳שיילט זיך און ס׳פלייש פארדעקט עם נישט.

ס׳זענען פארהאן פארשידענע סימנים דורך וועלכע מען קען אונטערשיידן צווישן חלב און כשר׳ע פעטס: דאס, וואס ס׳צעגייט זיך לייכט צווישן די פינגער איז חלב, און וואס ס׳איז הארט און איינגעוואקסן אדורך און אדורך מיטן פליש, איז כשר׳ע פעטס — חלב, ווען מען שניידט אוים, גייט עס לייכט נאכן מעסער. פעטס כשרע איז שטארק באפעסטיקט צום פלייש און מען מוז עס ווי אויסרייסן א. א. וו.

עס איז די גרעסטע פאראנטווארטלעכקייט פון די רבנים, משגיחים און מנקרים, ספעציעל זיי זאלן אכטונג געבן, אז דאס טרייבערן זאל געטאן ווערן מיט דער גרעסטער פינקטלעכקייט, אז מ׳זאל נישט חלילה מכשול זיין קיין אידן מיט אן איסור דאורייתא, אדער דרבנן, וואס איז גורם חלילה צו כרת און פארשטאפונג פון אידישע הערצער און פארפעסטונג פון קדושת ישראל.

די אדערן, וועלכע מען דארף אויסטרייבערן, איז אויך דער זעלביקער איסור. א טייל פון זיי צוליב דעם איסור פון דם, און א טייל צוליב דעם איסור פון חלב. א באזונדער, הארבער איסור, איז דער גיד הנשה, וועלכער די תורה האט אונז געאסרט צום אנדענק פון די שווערע געראנגלעניש פון יעקב אבינו מיטן שר של עשו (בראשית).

די אדערן, וועלכע מ׳טרייבערט אוים צוליב דעם איסור דם, איז ווי ווייט מ׳קען דערגרייכן. די אדערן, וועלכע מ׳טרייבערט צוליב דעם איסור פון חלב, און ספעציעל גיד הנשה, מוז מען דערגרונטעווען און ארויסנעמען ביזן ווארצל...

די אלגעמיינע צאל פון די אדערן, וועלכע מ׳דארף אויסטרייבערן, דערגרייכט ביז די צאל פון הונדערט און עלף. דער סימן צו געדענקען, איז דער פסוק כל שלחנות מלאו „קיא" — בגימטריא 111.

די אדערן, וועלכע מ׳דארף אויסווארצלען, איז די צאל איין און

פופציק. דער סימן: אל תאכלו ממנו נא — בגימטריא 51. און ווען מיר זענען מקיים גוט, די מצווה פון ניקור, איז דער טיש אויף וועלכן מיר עסן: זה השלחן אשר לפני ה׳ — דאָס איז דער טיש, וואָס איז פאַר ג־ט.

---

## דאָס פלייש דאַרף געטרייבערט ווערן אין משך פון די דריי טעג נאָך ער שחיטה.

מען טאָר נישט זאַלצן דאָס פלייש צום כשר׳ן איידער מען טרייבערט דאָס אויס. און אויב עס האָט פאַסירט, דאַרף מען מאַכן אַ שאלת־חכם.

מען טאָר נישט פאַרקויפן אומגעטרייבערט פלייש, אפילו ווען מען לאָזט דעם קונה וויסן, אַז עס איז נישט געטרייבערט.

מען דאַרף זאַלצן דאָס פלייש מיט אַ זאַלץ, וואָס איז נישט צו דיק און נישט צו דין. דאָס זאַלץ דאַרף זיין פאַרשפּרייט אויף אַלע טיילן פון פלייש, און נישט לאָזן קיין שום פלאַץ פריי פון זאַלץ. עופות דאַרף מען אויך זאַלצן פון אינעווייניק

דער שיעור, די צייט, פון לאָזן דאָס פלייש אין זאַלץ, איז בערך אַ גאַנצע שעה. לכבוד שבת און יום טוב און אין ענלעכע פאַלן, קאָן מען אַביסל פאַרקירצן די צייט פון האַלטן דאָס פלייש אין זאַלץ.

פלייש וואָס מ׳האָט פאַרזאַמט און ס׳איז געהאַלטן געוואָרן דריי טעג ניט כשר געמאַכט, קאָן שוין נאָך דער צייט קיין מליחה נישט העלפן, און אַזאַ פלייש קאָן נאָר גענוצט ווערן צום בראָטן, אָבער נישט צום קאָכן.

מען מעג זאַלצן אַ גרעסערע מאָס פלייש צוזאַמען, איין שטיק אויפן אַנדערן. אפילו רינדערן־פלייש צוזאַמען מיט עופות־פלייש.

אין פאַל, אַז מען האָט געזאַלצן אַ שטיק פלייש אין וועלכן עס איז געווען חלב, וואָס איז אסור, איז אויב אין דעם פלייש איז פאַראַן זעכציק מאָל אַזויפיל אַקעגן דעם חלב, דאַרף מען אויסשניידן און אויסקראַצן דאָס חלב, און דאָס פלייש איז מותר. אויב אָבער אין פלייש איז נישט דאָ קיין זעכציק מאָל אַקעגן חלב, איז דאָס גאַנצע שטיק פלייש אסור.

מען טאָר נישט האַלטן דאָס פלייש צו לאַנג אין זאַלץ, און אויב

מען האָט פאַרגעסן און געלאָזט דאָס פלייש מער ווי צוועלף שעה אין זאַלץ, דאַרף מען פרעגן דעם מורה־הוראה.

אויב מען זאַלצט דעם קאָפּ, דאַרף מען עס איבערשניידן אַמ־וויינינגסטן אין צווייען און פון די קלאָען, דאַרף מען אָפּשניידן די שפּיצן, דאָרט ווי זיי זענען געשפּאַלטן און דאַן זאַלצן.

מ׳פירט זיך נישט צו פאַרקויפן די אחוריים צו אַ אידן אין פלעצער, וואו עס זענען פאַראַנען נישט אידן, וועלכע קויפן עס.

דאָס טרייבערן פון די אחוריים, איז זעהר אַ שווערע, קאָמפּליצירטע עבודה. און נאָר גוטע מנקרים, מומחים, קענער דערפאַרענע, מעגן טאָן די אַרבעט.

---

## דער סדר פון טרייבערן.

דאָס קאַפּיטל האָבן מיר געלאָזן אין העברעאישן אָריגינאַל, פאַר די מנקרים — ור״ש וועלכע זענען באַקאַנט מיט דער שפּראַך און מיט דעם אינהאַלט.

---

## מליחה והדחה — זאַלצן און ווייקן.

פאַרן זאַלצן דאַרף מען גוט אָפּשווענקען דאָס פלייש פון בלוט. און מען דאַרף עס לאָזן ווייקן אין וואַסער אַ האַלבע שעה, און דאַן, דאַרף מען דאָס פלייש גוט אָפּשווענקען פון דעם ווייקונג־וואַסער, און דאַן נאָך צואוואַרטן אַביסל מיטן זאַלצן, ביז עס טריפט אַרונטער דאָס וואַסער פון דער (הדחה) — אָפּשווענקען.

אין פאַל, ווען מען האָט פאַרגעסן, און געלאָזט דאָס פלייש ווייקן אין וואַסער אַרום אַ מעת־לעת, דאָס הייסט פיר און צוואַנציק שטונדן. איז דאָס פלייש אסור און די כלי אין וועלכער דאָס פלייש האָט זיך געווייקט דעם מעת־לעת, איז אויך אסור.

אין פאַל, ווען מען האָט פאַרגעסן פריער צו לאָזן ווייקן דאָס פלייש און גלייך געזאַלצן, ווערט דאָס פלייש אסור. ווען עס האַנדלט זיך וועגן

א גרויסן פארלוסט (הפסד מרובה), דארף מען מאכן א שאלת חכם — ברענגען דאס צום רב, ער זאל פסק׳נען.

דאס הארץ דארף מען פארן זאלצן איבעררייסן. אויב מען האט פארגעסן, דארף מען עס אויפרייסן נאכן זאלצן און אפשווענקען.

לעבער, ווייל עס איז אדורך און אדורך אנגעזאפט און קאמפאקט מיט בלוט, טאר מען עס נישט זאלצן און קאכן. נאר מען מוז עס צום ערשטן דורכשניידן. אין דער לענג און אין דער ברייט און דאן אפבראטן. נאכן בראטן קען עס קאכן. מען טאר נישט בראטן קיין לעבער צוזאמען מיט פלייש.

די אייער, וועלכע מען געפינט אין עופות, אויב עס איז בלויז דא געלעכלעך, קען מען עס ווייקן און זאלצן צוזאמען מיט פלייש. אויב עס איז שוין מיט די ווייסלעך און שוין אויך באדעקט מיט שאל, דארף מען עס אויך זאלצן, אבער זיין געווארנט נישט צו זאלצן צוזאמען מיטן פלייש.

פלייש, וועלכעס מען נעמט צום בראטן, דארף מען נישט זאלצן, אבער אפשווענקען פריער, איז זעהר גלייך אזוי צו טאן. אבער מען איז זיך נוהג אויך צו זאלצן אביסעלע דאס פלייש, וועלכעס מען בראט. מען דארף אבער נישט לאזן דאס זאלץ אויפן פלייש און גלייך בראטן. בראטענס, וועלכעס מען האט פריער נישט געזאלצן, איז ריכטיק, אז מען זאל עס אפשווענקען גלייך נאכן בראטן.

די סימנים פון כשר׳ע בהמות און חיות, ווערן אויסגערעכנט אין דער תורה: די סימנים פון כשר׳ע עופות, זיינען נישט אנגעצייכנט אין דער תורה. די תורה רעכנט בלויז די עופות טמאים, וועלכע מען טאר נישט עסן. די חכמים האבן אונז געגעבן אנווייזונגען, ווי צו דערקענען אן עוף טמא: א פויגל וועלכער פארציקט, דערדריקט און עסט אנדערע באשעפענישן, — איז טמא. א פויגל איז נישט א רויבער, אויב ער האט: א) אן עקסטרא פינגער. אנטקעגן די דריי פאדערשטע. ב) א וואליע — א פאדערשט שפייז-זעקל. ג) א פופיק, ווענעמס אינערלעך הייטל לאזט זיך לייכט אפשיילן — איז אן עוף טהור. אבער אין אלגעמיין, דארף זיך קיינער נישט פארלאזן אויף זיין אייגענע מיינונג, נאר גוט אויספארשן ביי א תלמיד-חכם, וואס איז קלאר אין דינים.

די סימנים פון כשר׳ע פיש, זיינען אויסגערעכנט אין דער תורה: א פיש וואס האט שופין און פלוס-פעדערן, איז כשר.

אייער, פון נישט כשר'ע עופות, זיינען אסור. אייער פון עופות, וואס זיינען טרפה געווארן, איז אסור.

מען טאר נישט עסן רוי, אדער געקאכט, קיין שום ווערעמדיקע פרוכטן, אדער גרינצייג. פארן עסן, אדער קאכן, דארף מען אלץ גוט אונטערזוכן.

---

## בשר בחלב (פליישיק און מילכיקס)

מילכיקס און פליישיקס צוזאמען טאר מען נישט: א) נישט עסן. ב) נישט קאכן. ג) און נישט האבן דערפון קיין שום הנאה, אדער געברויך.

מען טאר נישט מישן וואסער אין וועלכן מען האט אפגעשווענקט די פליישיקע כלים מיט וואסער מיט וועלכן מען שווענקט די מילכיקע כלים.

מען דארף נישט ארויפלייגן פליישיקע מאכלים אויפן זעלבן טיש און אין דער זעלבער צייט, ווען מען עסט אויפן טיש מילכיקס, נאר מען דארף מאכן א צייכן, אדער א סימן כדי מען זאל זיך נישט אויסמישן.

נאכן עסן פליישיקע שפייזן, דארף מעןווארטן זעקס שעה, בכדי מען זאל מעגן עסן מילכיקס, נאך מילכיקע שפייזן, איז גענוג צו ווארטן א האלבע שעה און מען קען עסן פליישיקס.

מען דארף זיין געווארנט, אז דאס ברויט זאל זיך נישט אנרירן אין פלייש, אדער אין פייכטע מילכיקע מאכלים יעדנפאלס, ווערט דאס ברויט מילכיק אדער פליישיק, און מען טאר עס נישט עסן מיט דעם געגנשפייז.

אין אלע פאלן, ווען מילכיקע שפייז פאלט אריין אין פליישיקע, אדער פליישיקע — אין מילכיקע, — קאלטע אין הייסע, דארף מען זיך ווענדן צו א מורה הוראה, ער זאל פסקנען.

ביי יעדן טעות, פון קאכן מילכיקס אין א פליישיקן טאפ, אדער פארקערט, אדער פארמישן פון געפעס, אדער ארייננשטעקן א פליישיקן לעפל אין מילכיק, אדער אין אלע ענלעכע פאלן, דארף מען זיך ווענדן צו א מורה הוראה.

שארפע גרינצייג, ווי רעטעך ציבעלע חריין א. ד. גל.: אויב מען שניידט עם מיט א פליישיק מעסער, דארף מען זיי נישט נוצן שפעטער פאר מילכיק, סיידן מען שניידט ארום אין דער דיק פון א פינגער.

**פאלן פון תערובות,** — אויסמישן זיך כשרע שפזן מיט פארבאטענע:

אויב עס איז אריינגעפאלן איין איסור — צום ביישפיל: א טאפ כשרע שפייז, ווען דער איסור איז פון זעלביקן סארט ווי די כשרע, אדער עס איז פון א גאנץ אנדערן מין, דארף מען אלעמאל האבן אין די כשרע שפייז, א מאס פון זעכציק מאל אזויפיל, ווי דער איסור. דאן ווערט דער איסור בטל, ווי פארשוואונדען.

אליין דארף מען זיך נישט פסק'נען. מען טאר נישט מבטל מאכן— פארשווינדן מאכן אן איסור אין א היתר ד. ה. באוואוסטזיניק מיט אפזיכט, אז דער איסור זאל פארשוואונדן, נאר ווען עס האט פאסירט א צופאל, דארף א רב פסק'נען.

---

## טרפות

עס זענען פארהאן אכט הויפט-פאלן, ווען דאס באשעפעניש ווערט באטראכט פאר טרפה::

א) **דרוסה** — געטרעטן, אדער געשטאכן דורך אן אנדער חיה, וועלכע איז רויבעריש און פארצוקענדיק. צום ביישפיל: ווען א וואלף האט אנגעגריפן א שעפסל, אדער אפילו א קו, זאגן מיר, אז די בהמה האט דורכן קלאפ פון דער חיה באקומען א גיפט וועלכע מאכט זי טרפה, א שפארבער האט אנגעגריפן א ציג, א קאץ — א טשיקן א. ז. וו. אין געוויסע פאלן, ווען מיר האבן א פארדאכט, אז עס האט פאסירט א פאל פון דרוסה,ווארטן מיר 12 חדשים ביי א בהמה און 21 טעג ביי א טשיקן א. א. וו. אבער קיינער טאר נישט חלילה פאר זיך אליין פסק'נען. מען מוז פרעגן א רב!

ווען ס'איז געווים טריפה, אפילו עס לעבט אוים די אויבנ־דערמאנטע צייט — גייט עס נישט ארוים פון סטאטוס-טרפה. פאראן פיל פאלן, ווען אפילו אין ששים — אין זעכציק, ווערט דער איסור אויך נישט בטל... אפילו אין טויזנט, און נאר א מורה-הוראה, אן אטאריטעט קען זאגן, ווען עס איז מותר און ווען עס איז אסור.

מען דאַרף נישט עסן פיש מיט פלייש צוזאַמען. עס איז אַ סכנה פאַרן געזונט. עס איז גלייך, אַז מען זאָל צווישן פיש און פלייש, וואַשן דאָס מויל און די הענט.

עס איז בכלל אַ גוטע געוואוינטהייט, אַז יעדער ערלעכער איד זאָל זיך אָפט שואל עצה זיין מיט זיין רב וועגן ענינים פון כשר'ע שפייזן.

ב) **נקובה** — געלעכערט אין איינעם פון די וויכטיקסטע אָרגאַנען: אַ לעכל אין איינעם פון די מח־הייטלעך, אין שאַרבן, אין וושט, אין קנה, אין די לופט־רויערן, לונגען א. א. וו. אַ ספּעציעלע אונטער־זוכונג מוז דורכגעפירט ווערן ביי דער ריאה — לונגען, ווייל דאָ פּאַסירט דער פאַל נקובה; אַ נאָדל ווערט געפונען אין פּופּיק, אָדער אין די קישקעס, איז דאָרט וואַרשיינלעך עפּעס גלעכערט געוואָרן... יעדנפאַלס דאַרף מען פרעגן אַ שאלה.

ג) **חסרה** — עס פעלט אינגאַנצן אַ געוויסער אבר, אָדער איינע פון די לונגען־טיילן א. א. וו.

ד) **נטולה** — עס איז אָפּגענומען געוואָרן עטוואָס, צום ביישפּיל: אַ באַק פון דער בהמה, אָדער אַ טייל שנאָבל פון אַ טשיקן... עס איז אוועקגעקומען די לעבער א. ד. ג. פאַרהאַן פאַלן, וואו מען פסק'נט, אַז עס איז כשר...

ה) **קרועה** — ארונטערגעריסענע, עס פעלט למשל דער גאַנצער פלייש־צודעק אויפן בויך פון דער בהמה, אָדער עוף א. ד. ג.

ו) **נפולה** — ארונטערגעפאַלענע פון אַ הויכן פּלאַץ, אָדער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט און אָנגעשטויסן אויף זעהר אַ שווערן, גרויסן שטיין, קען דאַך זיין, אַז אַלע אינערלעכע אברים זענען דערשיטערט און צוקאַליעטשעט געוואָרן...

ז) **פסוקה** — איבערגעהאַקטע, ווען דער חוט השדרה, דער מאַרך־שנור פון רוקנביין איז איבערגעהאַקט געוואָרן, אָדער למשל, דער גאָרגל איבערגעהאַקט א. א. וו...

ח) **שבורה** — אַ צעבראָכענע ביי די ריפּן, אָדער אין אַנדערע ביינער, א. ד. ג.

די אויבנדערמאָנטע זענען די אכט הויפט פרינציפן און עס פאַסירן טויזנטער, טויזנטער פאַלן, וועלכע קענען איינגעשלאָסן ווערן אין איינעם פון די פרינציפן, אין יעדן פאַל, מוז גוט באַהאַנדלט ווערן פון אַ רב אַן אויטאָריטעט, וואָס ווייס דעם דין פון אַלע זייטן.

אבר מן החי — אַן אבער פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש איידער עס איז ענטגילטיק אַדורכגעפירט געוואָרן אַ כשר׳ע שחיטה, טאָר מען נישט עסן!

בלוט פון בהמות חיות און עופות, איז שטרענג אסור! בלוט פון פיש און הייגעריקען איז דערלויבט.

אויב מען געפינט אַ בלוטס-טראָפן אין אַן איי, סיי אויפן ווייסל, סיי אויפן געלכעל טאָר מען דאָס איי נישט עסן. און וויבאַלד עס איז ענטשטאַנען אַ שאלה וועגן אַן איי מיט אַ בלוטס-טראָפן, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט אַנדערע שפּייזן, אָדער אַ שאלה וועגן די כלי וואו מען האָט געקאָכט דאָס איי, דאַרף מען פרעגן...

אָט האָב איך פאַר אייך חשובע לעזער פאָרגעשטעלט, אייניקע אָנווייזונגען אויפן געביט פון איסור והיתר, ווי אַזוי צוצוגרייטן פליש, צו מאַכן עס כשר א. א. וו. און זעלבסט פאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז נאָר אַ קליין ווייניגקייט פון די אַן אַ שיעור פיל און טיילמאָל קאָמפּליצירטע, הלכות און דינים אויף דעם געביט. דער הויפט פרינציפּ איז, אַז יעדער איד זאָל פאַרשטיין, אַז מיטן פאַרנאַכלעסיקן, חלילה, די דינים פון כשר׳ע שפּייז, גרייפט ער אָן די ריינקייט פון זיין נשמה און פאַרדונקעלט די לויטערקייט פון זיין געדאַנק, דעם אידישן ריינעם געדאַנק, וועלכער פליסט און שטראָמט אין אונז פון דורי-דורות. מיר די אָפּשטאַמונגען פון אברהם יצחק ויעקב, דאַרפן זיך האַלטן הויך און נישט אָפּסאַרבירן אין אונזערע קערפּערס שפּייזן, וועלכע קענען פאַרשוועכן און דערנידריגן אונזער הויכן אינטעלעקטועלן און מאָ־ראַלישן סטאַנדאַרט. דאָס דאַרף יעדער איד געדענקען, אַז דאָס וואָס פּאַסט פאַרן המון, פּאַסט פאַר זיי נישט, פאַר אונז בני מלכים, די קינדער פון מלך העולם, וועלכע זענען אויסגעקליבן געוואָרן צו דינען פאַר אַן ערהאַבענעם מוסטער פאַר אייביק.

און צו אייך ברידער קצבים — בוטשערס און טרייבערערס — מנקרים, וועלכע שטיין אויף זייער הייליגן פּאָסטן צו באַזאָרגן כשר׳ע

פלייש אין אידישע הייזער, ווענד איך זיך מיט א הערצלעך, ברידערלעך ווארט: זייט ביטע געווארנט, נישט צו געשטרויכלן די בני־ישראל, די אידן!

באטראכט אייך גוט און טוט אייערע ארבעט פון טרייבערן מיט ערלעכקייט און יושר. לערנט און באטראכט גוט דאס פאך, אלס א הייליקע פארטרויאונגס־מיסיע. און בכדי אייך צו דערמעגלעכן און פארלייכטערן, איר זאלט נישט דארפן זוכן און שטודירן אין די ערנסטערע ספרים פון אונזערע גדולי ישראל... האב איך דא פאר אייך צוגעגרייט די אנווייזונגען, באגלייט מיט באלערנדע פיקטשורס, דורך וועלכע איר וועט קענען פיל לערנען ווי אזוי אדורכצופירן דאס טרייבערן כדת וכדין...

געווים איז עס איבריק דא צו דערמאנען די שרעקלעכע שטראפן חלילה, וועלכע קומען דעם נישט ערלעכן בוטשער אויף דער וועלט, און אויף יענער וועלט. דער תלמוד און מדרש האט פיל צו דערציילן וועגן שוידערליכע שטראפן, וועלכע זיינען געקומען אויף בוטשערס וועלכע האבן בייזוויליק פארראטן און געשטרויכלט אידישע הייזער מיט טרפות ונבלות... און דא אין אונזער ג־ט־געבענטשטן לאנד, זיינען אונזערע ברידער נישט חלילה פארדעכטיקט, אז זיי ווילן באוואוסט־זיניק געווארן און מכשיל זיין את הרבים. נאר וואס דען? עס פעלט אביסל ביים בוטשער די באוואוסטזיניגקייט וועגן זיין הייליקע און פאראנטווארטלעכע מיסיע...

בעט איך אייך טייערע ברידער... האלט דאס דאזיקע העפט... שטענדיק פאר אייערע אויגן, אין הויז, ווי אין אייער בוטשער שאפ... מאכט קלאר אייערע קאסטאמערס, וואס די תורה זאגט אן דעם אידישן פאלק!...

„ואנשי קודש תהיון לי ובשר בשדה טרפה לא תאכלו!"... הייליקע מענטשן, זאלט איר זיין צו מיר און קיין טרפות זאלט איר נישט עסן...

איך וואלט נאך פארגעלייגט, אז יעדער בוטשער זאל ביי זיך אין שאפ אויפהענגען א פלאקאט פון אויבנדערמאנטן פסוק אין דריי שפראכן...

און אַט אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן מיט מיין העפט „תורת-חיים״, וועלכעס איך דערלאַנג אייך אין דריי שפּראַכן. גדענקט, אַז דינים פון כשרות מיינען אַ ריין, הויך גייסטיק מאָראַליש לעבן און דאָס איז די הויפּט תורה פון לעבן — תורת חיים״... איך האָב אויך ארייג־געפלאָכטן מיין נאָמען חיים אין נאָמען פון דעם העפט. און זאָל השי״ת אונז אַלעמען העלפן צו לעבן אַ ריין, הייליק אידיש לעבן.



דער מילטיץ פאר דעם טרייבערן.



דער מילטיץ נאך דעם טרייבערן, אפגעשיידט די הויט וואס איז אסור משום חלב און עס ווערט ארויסגענומען איין אדער וואס איז צוטיילט אויף דרייען.



די אדערען פון ברוסט וואס זיינען אסור צוליב בלוט און וואס האט די יניקה פון חלב.



ווי דער צונג ווערט געטרייבערט.



די אדערען פון אונטער דן לאפעטקע וואס זיינען אסור צוליב די בלוטען.



די אדערען פון האלז וואס איז אסור צוליב די בלוטען.



די אדערען פון די פאדערשטע פיס פון לאפעטקע וואס איז אסור צוליב די בלוטען.



די ערשטע דריי אדערעץ וואס זיינען אסור.

In addition to New York the following list of States are in accordance with Kosher Food Laws:

CALIFORNIA
CONNECTICUT
FLORIDA, MIAMI BEACH
FLORIDA, MIAMI CITY
ILLINOIS
MARYLAND
MASSACHUSETTES
MICHIGAN
MINNESOTA
MISSOURI
NEW JERSEY
OHIO
PENNSYLVANIA
RHODE ISLAND
WISCONSIN

NOTE· Copies of the specific Kosher Food Laws of the above mentioned States can be obtained by writing to the Secretary of State of each of these States

plumba and tag shall be attached to it, regardless of the size of the portion.

5. All meats except liver shall be washed within 72 hours after slaughter, and within each subsequent 72-hour period by the person in whose possession it is at that time. The date of each washing and the name of the person performing such duty shall be indicated on all tags attached to the said meat.

These rules and regulations shall take effect on the 8th day of November, 1945.

C. Chester Du Mond, *Commisioner of Agriculture and Markets of the State of New York*

Dated at Albany, N. Y.
*September* 24, 1945.
[Seal]

a. Breast—incision on each in the form of Hebrew characters, showing date of slaughter.

b. Rack—two incisions on the inside, one of them on each side of the spine, in the form of Hebrew characters, showing the date of slaughter. (*As amended June* 14, 1948.)

c. Shoulder—plumba and tag.

d. Liver—plumba affixed to center of liver at the vein, and a kosher brand on the upper surface of liver

e. Haslett—plumba and tag through the heart and milt.

f. Lung—plumba and tag.

g Feet—plumba and tag to each foot.

h. Breads—one tag, and one plumba drawn through three pairs.

i. Brains—plumba to each brain, when sold separately from the head

j. Tongue—plumba and tag at the tip, and a kosher brand at the tip on the smooth surface.

3. All foresaddles of lamb and mutton sold or offered for sale by or in the possession of a kosher food dealer shall have affixed the following kosher identifications to the following parts

a Breast—incision on each in the form of Hebrew characters, showing date of slaughter

b. Rack—two plumbas and two tags, one of each to either side of spine.

c. Shoulder—plumba and tag.

d. Haslett—plumba and tag through the liver and milt.

e. Tongue—one tag, and one plumba drawn through each group of six.

f. Brains—plumba to each brain, when sold separately from the head.

g. Liver—plumba and tag at center of liver, when sold separately from the haslett

4 Whenever anny portion of meat from the animals referred to in regulations 1, 2, and 3 is sold by a slaughterer as "kosher," a

a. Name and address of the slaughterhouse where the animal was slaughtered.

b. Name of rabbi who sanctioned the kosher slaughtering of meat at the slaughterhouse named

c. Date of slaughter.

3. "Kosher brand"—brand of a type approved by the United States Department of Agriculture

*Article II—Identification on Kosher Meat and Meat Products*

1. All forequarters of steers, cows, bulls, heifers, and yearling calves sold or offered for sale by or in the possession of a kosher food dealer shall have affixed the following kosher identifications to each of the following parts:

a. Breast, rib, plate (outside), plate pieces (inside), chuck, shoulder, heart, lung, oxtail, tripe, milt (spleen), tederloin (hanger)—plumba and tag

b. Liver—two kosher brands and two plumbas, one of each to opposite ends of liver, so that if liver is cut in half through the vein each half will bear one plumba and one kosher brand.

c. Feet—plumba and tag to each foot.

d. Breads—plumba and tag to each pair.

e. Brains—plumba to each brain, when sold separately from the head.

f. Tongue—plumba and tag at the tip, and a kosher brand at the tip on smooth surface.

g Breastbone—incision in form of Hebrew characters, showing date of slaughter.

h. Plate (inside)—two incisions in the form of Hebrew characters, showing date of slaughter.

2. All foresaddles of veal sold or offered for sale by or in the possession of a kosher food dealer shall have affixed the following kosher identifications to each of the following parts:

stamp, tag, brand, label or other means of identification has or have been fraudulently affixed, or

4. Does or causes to be done any of the acts mentioned in subdivisions one, two or three, for the purpose or with the intent of violating or causing to be violated the provisions of sections four hundred thirty-five, four hundred thirty-five-a or four hundred thirty-five-b of the penal law, is guilty of a misdemeanor. (*Subd. 4 added by Chap.* 626, *Laws of* 1938; *section amended by Chap.* 795,*Laws of* 1939.)

---

## RULES AND REGULATIONS RELATIVE TO THE MARKING AND AFFIXATION OF KOSHER IDENTIFICATION ON MEAT PRODUCTS

I, C. Chester Du Mond, as Commissioned of Agriculture and Markets of the State of New York and by the authority vested in me by Section 16 of the Agriculture and Markets Law, after inquiry and public hearing, do hereby adopt and promulgate the following Rules and Regulations Relative to the Marking and affixation of Kosher Identifications on Meat and Meat Products.

### *Article I—Definitions*

As used in these regulations, the following terms shall mean:

1. "Plumba"—the tin seal commonly used in the kosher industry, with the following indicia thereon:

   a. The word "kosher" either in English or in Hebraic characters.

   b. Certain letters, figures, or emblems which will positively identify such plumba with the particular slaughterhouse where the animal was slaughtered or processed

2. "Tag"—a tag, of whatever form, bearing the following information:

tion. (*As amended by Chap.* 626, *Laws of* 1938; *Chap.* 795, *Laws of* 1939, *Chap* 628, *Laws of* 1941; *Chap.* 844, *Laws of* 1945.)

§ 435-c. *Fraudulent identification of meats, meat preparations and food products.* A person who: 1 Wilfully marks, stamps, tags, brands, labels or in any other way or by any other means of identification, represents or who causes to be marked, stamped, tagged, branded, labeled or represented as kosher or as having been prepared in accordance with the Hebrew orthodox religious requirements or as having been approved or sanctioned by or prepared under the direction or supervision of a rabbi or other person vested with or designated by rabbinical authority, any meats, meat preparations, articles of food or food products not kosher, not so prepared or not so approved, sanctioned or prepared, as the case may be, or

